# אין ליכט פון תורה

## ספר
## נפלאות הצדיקים



14

סֵפֶר

# נִפְלְאוֹת הַצַּדִּיקִים

דָּא וֶוערְט דֶער צֵיילְט זֵייעֶר ווּינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס עֶס הָאט זִיךְ פַּאסִירְט בֵּיי דִּיזֶע גְאוֹנִים.

אַ ווּינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן ר׳ וֶועלְוִויל זְבַּעֶרְזִיר ז״ל.

זֵייעֶר ווּינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת מְהָרַב הַקָּדוֹשׁ מְאַפְּטָא.

אַ ווּינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן ר׳ יִצְחָק הַלֵּוִי מְהַאמְבּוּרְג ז״ל.

אַ ווּינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי ר׳ לֵוִי יִצְחָק זצ״ל הָאט דֶערְצֵיילְט.

אַ ווּינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן קָאזְנִיצֶער מַגִּיד זצ״ל.

אַ ווּינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה מְהַצַּדִּיק ר׳ דָּוִד מְטַאלְיָא זצ״ל.

אַ ווּינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּין ר׳ אֱלִימֶלֶךְ מִלִּיזֶ׳ענְסְק זצ״ל.

אַ ווּינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה מְהַגָּאוֹן ר׳ אַרְיֵ׳ לֵייבִּישׁ זצ״ל.

זֵייעֶר ווּינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי׳ן ר׳ מֶענְדִילֶע מְרוּמְנוֹב.

זֵייעֶר ווּינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי׳ן ר׳ חַיִּים מְצַאנְז זצ״ל.

אַ ווּינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי׳ן ר׳ שְׁמֶעלְקִי מְנִקוֹלְשְׁבּוּרְג.

אַ ווּינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה מְהַצַּדִּיק ר׳ מֶענְדִילִי מְקַאסוֹב זצ״ל.

אַ ווּינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זצ״ל.

אַ ווּינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה מְהָרַב הַצַּדִּיק ר׳ שִׁמְעוֹן זצ״ל.

אַ ווּינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה מְהָרַב הַקָּדוֹשׁ הָרֶבִּי ר׳ בּוּנָם זצ״ל.

כל הזכויות שמורות אצל
הוצאת אמונה

© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.

EMUNA PUBLISHING
142 Rodney Street
Brooklyn, N.Y. 11211
388-8812 — 384-0002

# אַווינְדֶערלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן ר׳ וָועלְוִויל זְבֶערַזִיר בֶּן הָרַב ר׳ מִיכְלִי ז״ל מִזְלַאטְשׁוֹב

דֶער צדיק ר׳ וועלוולי איז אַמאָהל אַדורך גֶעפאָהרען דורך לֶעמבֶּערג זֶענֶען אַ עֶ חשובי העיר איהם אַקעגֶען געגאַנגען אין האבען איהם מקבל פנים געוועזען מיט גרויס כבוד צווישען דיא חשובי העיר איז געוועזען איינער אַגרויסער עושר· האָט דער רבי געזאָגט צים עושר איך האָב עפיס מיט דיר צו ריידען האָט איהם דער עושר געהייסען ריידען. האַט ער איהם דערציילט אַ מעשה. עס איז געוועזען צוויי ברודער אין איין שטאָדט איינער איז געוועזען אַגרויסער אביון אין דער ברודער דער עושר האָט איהם געגעבען זיין גאַנץ הצטרכות וואָס ער האָט בעדאַרפען. אַמאָהל האָט זיך דער עושר מיישב געוועזען מיין ברודער איז דאָך אַקליגער מענש אין טויג זיך צים מסחר נאָר ווייל ער איז אַ אָרימאַן אין האָט ניט קיין געלד מיט וואָס צו האַנדלין אין אדורך דעם מוז ער זיין אַ אָרימאַן כל ימיו. האָט ער זיך מייעץ געוועזען מיט זיינע פריינד אַז ער זאָל ליי֗ען טויזינד רענדליך ער זאָל זיך מאַכען אַמסחר ער זאָל זיך קענען מפרנס זיין בכבוד· דער עושר האָט אַזוי געטוהן אין געשיקט רופען זיין ברודער דעם אָרימאַן אין האָט איהם געזאָגט איך ליי דיר טויזינד רענדליך אין קויף דיר קויפען סחורה אין זאָלסט אָהנהייבען האַנדלין אפשר וועט דיר השי״ת העלפען אַז די וועסט מצליח זיין וועסט די מיר אָב געבען דאָס געלד דער אָרימאַן האָט צו גענימען דאָס געלד מיט גרויס שמחה אין האָט געדאַנקט דעם ברודער דעם עושר אין איז זיך אַהיים געגאַנגען מיט גרויס שמחה אין אָנגעהויבען צו האַנדלין אין האָט מצליח געוועזען אין איז געוואָרען אגרויסער עושר·

אין אַצייט אַרום איז דער ברודער דער עושר אָרים געוואָרען· האָבין איהם זיינע פריינד געזאָגט עס קומט דאָך דיר ביי דיין ברודער טויזינד רענדליך נעם זיי ביי איהם אָפּ אפשר וועט דיר השי״ת העלפין די וועסט דיך קענען מפרנס זיין. ער איז געגאַנגען צו זיין ברודער אין איהם געבעטען ער זאָל איהם אָב געבען דיא טויזענד רענדליך וואָס ער האָט איהם געליגען דער ברודער האָט איהם אָבער ניט גיענטפערט ער איז יעדען טאָג געגאַנגען צו זיין ברודער אין פאַר איהם געוויינט ער זאָל אויף איהם רחמנות האָבין אין זאָל איהם אָב געבען דאָס געלד ער האָט איהם אָבער ניט געגעבען אַפילו קיין פרוטה זהת אין ער מיט זיין בני בית זענען געבליבען בערום ובחוסר כל ווי ער האָט זיך אומגעקוקט אין וואָס פאַר אַמצב ער שטייט איז ער נאָך אַמאָהל געגאַנגען

צו זיין ברודער און פאר איהר געוויינט אין צו איהם געזאגט האב רחמנות אויף מיר. מיר ליידען הינגער מיר האבין זיך ניט מיט וואס צו דערנערען · דער ברודער האט זיך אבער יעצט אויך גאר ניט וויסענדיג געמאכט און האט איהם גאר ניט געוואלט געבען דער ברודער האט אזוי לאנג פאר איהם געוויינט ביז ער איז ביי איהם אין שטיב געשטארבען ·

נאט איז דאך אבעל גמילות עס האט ניט לאנג געדויערט דער ברודער דער עושר איז אויך געשטארבען מען האט איהם נעבראכט פאר דעם ב״ד של מעלה לדין און מען האט איהם ארוים געגעבען אשווערען פסק מען האט איהם געזאגט זעה די רשע דיין ברודער ווען ער איז געוועזען רייך און די ביסט געוועזען ארים האט ער אויף דיר רחמנות גיהאט און האט דיר געליגען געלד דיין גאנץ רייכקייט איז דיר געקומען פון דיין ברודער און די האסט גיזעהן דעם צער פון דיין ברודער און האסט דיך גאר ניט וויסענדיג געמאכט און דורך דיר איז ער געשטארבען איבער דעם קומט דיר אזא שווערען פסק איז צו געקומען אנשמה פון צווייטען ברודער און געזאגט פאר דעם ב״ד של מעלה איך בין איהם מוחל דאס געלד און דעם צער וואס ער האט געהאט דורך איהם כדי זיין ברודער זאל ניט געשטראפט ווערען דורך איהם ·

האט דאס ב״ד של מעלה געפסקינט אז זיי זאלען נאך אמאהל מגולגל ווערען און דער עושר זאל ווייטער זיין עושר און דער ברודער זאל זיין א ארימאן און זאל ביסלעכווייז אב נעמען ביי זיין ברודער די טויזינד רענדליך דער ברודער דער ארימאן האט אויף זיך גענימען ווייטער צו ליידען כדי זיין ברודער זאל ניט ליידען קיין עונש וכן היה זיי זענען ביידע מגולגל געווארען דער עושר איז ווייטער געוועזען עושר און דער ארימאן איז געוועזען אמדוכא ביסורים און ארים און איז געגאנגען בעטען נדבות האט ער ארייו געטראפען צו זיין ברודער דער עושר און האט ביי איהם געבעטען אנדבה און איהם געזאגט האב אויף מיר רחמנות איך האב שוין דריי טעג ניט גיגעסען· דער עושר האט איהם גיענטפערט מיט עזות געה ארויס פון מיר שטעה ניט אמזווסט איך וועל דיר גאר ניט געבען און דער ארימאן איז פאר הינגער בייא דעם עושר אין שטיב אנידער נעפאלען און איז געשטארבען (אזוי האט דער רבי ר׳ וועלוולי דערציילט דעם לעמבערגער עושר ·) ווי דער לעמבערגער עושר האט דערהערט די מעשה איז ער שטארק איבער רעשט געווארען און האט זיך געווינדערט ווי נעמט זיך צו אמענש אזא אכזריותקייט ? האט דער רבי ר׳ וועלווילי געזאגט צו דעם עושר די בוגד רוצח די ביסט דאס דער אכזר ווי איז דער ארימאן וואס איז נעכטען ביי דיר געוועזען און פאר דיר געוויינט אז די זאלסט אויף איהם רחמנות האבין און איהם שענקען אנדבה זאלסט איהם דערהאלטען זיין לעבען און די האסט איהם ניט געגעבען און איז ביי דיר אין

שטיב

שטיב אנידער געפאלען אין איז געשטארבען דאס איז געוועזען דיין ברודער און ערשטען גלגול וואס די האסט דיר ביי אוהם געליגען טווינד רענדלעך אין דער רבי האט זיך אוועג גידרעהט פון דעט עושר און האט איהם ניט געוואלט קוקען און זיין פנים ארייין אין איז אוועק געפאהרען פין דאנען זעהן מיר וויא ווייט אמענש דארף געבען צדקה אין האבען רחמנות אויף אארימאן וויל עס קען זיין ער ראטעוועט זיך מיט דעם פין אגרויסען עונש ;

## איוינדערליכע מעשה פין קאזניצער מגיד זצ״ל.

עס איז אמאהל געקומען צום מגיד א חסיד אגרויסער חכם אין האט זיך בעקלאגט פאר דעם מגיד אויף זיין מזל ער איז אגרויסער אביון אין געבעטען דער רבי זאל איהם געבען אעצה וואס ער זאל טוהן ער זאל קענען מפרנס זיין זיין בני בית. האט איהם דער מגיד גיענטפערט איך זעה אז די האסט ניט קיין מזל צי קיין עום מסחר אין דער וועלט נאר איין עסק איז דא וואס ביי דעם עסק האסטו אגרויס גליק די קענסט פין דעם רייך ווערען. האט דער חסיד גיבעטען דעם מגיד אז ער זאל אידם זאגען דאס עסק. האט איהם דער מגיד גיענטפערט וואס וועט זיין איך וויל דיר אויס זאגען איך וויים אז די וועסט בשום אופן ניט וועלען דאס עסק. האט איהם דער חסיד געזאגט וויל עס איז מיר שלעכט וועל איך דאס עסק ניט אוועק לאזען האט אידם דער מגיד גיענטפערט די זאלסט וויסען אז די האסט אגרויסע הצלחה אין עניין גנבה דער חסיד איז געבליבען דער שראקען אין געזאגט צים מגיד ווי אזוי קען איך עוסק זיין אין גנבה וואס עס איז נגד רצון הבורא ב״ה ? האט איהם דער רבי געזאגט איך האב דאס דיר געזאגט אז דיא וועסט ניט וועלען דאס עסק איך זעה אבער אז דיא האסט ניט קיין גליק צי קיין אנדער עסק נאר צי גנבה איז דיין גליך גרוים הפלא ופלא.

דער חסיד איז אהיים געגאַנגען בפחי נפש. דאָס אָרים קייט האָט זיך ביי איהם געשטאַרקט אַז עס איז שוין עטליכע טעג אין שטיעב ניט געוועזען קיין ברויט זיין ווייב אין קונדער האָבין געבעטען ער זאָל זיי געבען ברויט זיי זאָלען זיך דער האַלטען די נפשות. ער האָט ניט געקענט צו קוקען דעם צער פין זיין בני בית האָט ער זיך מיישב געוועזען פיקוח נפש איז דאָך דוחה שבת וואָס שבת איז דאָך אַחיוב מיתה גניבה וואָס עס איז ניט קיין חיוב מיתה איז עס דאָך גניבה אודאי דוחה אין איז ביינאַכט געגאַנגען בפחי נפש אין האָט ניפענט אגוועלב אין ארויס געגנבת אַגילדין אין האָט געקויפט פאַר דעם גילדען ברויט ער האָט גירעכינט אַז השי"ת וועט איהם העלפען וועט ער אָבגעבען דעם גילדען. אין דער פריה דער קרעמער איז געקומען עפינען דאָס געוועלב האָט ער געזעהן ווי די טהיר איז אָפען האט ער זיך דערשראָקען ער האָט גירעכענט אַז מען האט איהם זיכער אַרויס גענימען די גאַנצע סחורה ווי ער איז אריין געקומען אין געוועלב אַריין אין האָט דער זעהן אַז די סחורה פעהלט ניט ער געהט צו דעם טיש קעסטיל זעהט ער אַז עס איז אָפען נאָר עס פעהלט אָבער ניט מעהר ווי איין גילדען איז איהם די זאַך געוועזען אַוואונדער ער האָט עס ניט געקענט פערשטיין. עס איז פערביי געגאַנגען עטליכע נעכט האָט ער זיך ווייטער אַריין געכאַפט אין אַצווייט געוועלב אַריין אין ווייטער ארויס געניִמען אַגילדען דיא מעשה איז מפורסים געוואָרען אויף דער שטאָדט עס איז יעדען איינעם געוועזען אַוואונדער מען האָט ניט געקענט פיר שטעהן וואָס פאַר אַגנב דא איז ער איז שוין דאָ אין געוועלב אין נעמט ניט מעהר ווי אַגולדען.

מען האָט גישטעלט שומרים ביי די געוועלבין אין אַלע מאָהל האָט ער ביי איין צווייטען אַרויס גע גאַנבעט אַגולדען אין מען האָט איהם בשום אופן ניט געקענט חאַפען ביז די זאַך איז אָהעגעקומען צים שר העיר די זאַך איז איהם געוועזען אַוואונדער ביי יעדען געוועלב שטעהן שומרים אין קענען ניט חאַפין דעם גנב. האָט דער שר געזאָגט איך אַליין וועל געהן אין וועל זעהן צי איך וועל איהם קענען חאַפען צי ניט דער שר האָט זיך אָהנגעטוהן פראָסטע מלבושים כדי מען זאָל איהם ניט דערקענען אין האָט זיך גענדרעהט לעבען דיא געוועלבען דיא שומרים זענען אויף געשטאַנען אין אַכטינג געגעבען אויף דיא געוועלבען אין דער חסיד איז צו געקומען צו איין געוועלב אין האָט עס אויף געפענט אין עס האָט קיינער פין דיא שומרים ניט געזעהן וויא דער שר האט דערזעהן ווי ער האָט זיך אריין געחאַפט אין געוועלב אריין אין איז איהם נאָך געגאַנגען האָט ער געזעהן ווי ער האָט גיעפענט דאַס טיש קעסטעל אין ארויס גענימען אַגולדען האָט ער איהם אָהנגעחאַפט ביי דער האַנד אין

אין האָט איהם געזאָגט די ביסט דאָס דער גנב איך וועל דיך ניט אָבלאָזען איך מיז דיך פיהרען צום שר פין שטאָדט:

דער חסיד האָט זיך געבעטען ביי איהם ער זאָל איהם אָבלאָזען אין איהם בּצזאָגט די זעהסט דאָך אַז איך בין ניט קיין גנב וואָרים איך האָב דאָך אַבריה אַרוס צי גגבינען די גאַנצע סחורה פין גיוועלב נאָר איך וויל ניט גגבינען נאָר וייל איך האָב ניט צי עסין נעם איך זיך נאָר איך זאָל זיך קענען דאָס חיות דערהאַלטען אַז השי"ת וועט מיר העלפין וועל איך דאָס געלד אָב געבען ער האָט איהם אָבער ניט געוואָלט הערען ער האָט איהם געזאָגט ביי שר העיר וועסטו זיך פּערענטפערין איך קען דיר גאָר ניט העלפין דער חסיד האָט זיך ווייטער אָהנגעהויבען צי בעטען ביי איהם ער זאָל איהם אָב לאָזין. האָט ער איהם געזאָגט איך זעה דאָך אַז דיין הצלחה צי גניבה איז זייער גרויס אויב די וועסט מיר טהון די זאַך וועל איך דיך פריי לאָזען. דער שר ועיר האָט היינט געווינען גוויזנען אויף דער ענגלישע לעטעריאָ דאָס גרויסע געווינעכץ אין דאָס געלד האַלט ער אינטער דעם בעט די קענסט דיך אַריין חאַפּען דורך אַקליין פענסטעראָל אויב וועסט בעקומען דאָס געלד וועלען מיר זיך טהיילען:

דער חסיד האָט אָהנגעהויבין שטאַרק צי וויינען אין געזאָגט די זעהסט דאָך אַז איך בין ניט קיין גנב פאַר וואָס זאָלסטו מיך צווינגען איך זאָל אַרויס גנבינען ביי דעם שר דאָס געלד, האָט ער איהם גיענטפערט אויב די ווילסט ניט וועל איך דיך איבער געבען צום שר העיר, דער חסיד האָט געזעהן אַז ער האָט ניט קיין ברירה האָט ער געמוזט מסכים זיין אין איז מיט איהם געגאַנגען אין האָט איהם געוויזען דאָס פענסטעראָל. ער איז אַריין צום שר אין ל"ט:ב אַריין אין איז באַלד אַרויס געקומען אין געזאָגט צום שר געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט מיך מציל געוועזען פין דער גניבה, איך האָב גיהערט ווי זיי צוויי דינערס האָבין גירעדט איינער צום צווייטען מען זאָל היטען דעם סם מאָרגען ווען מען וועט אַריין געבען דעם שר די טהע וועט מען אַריין טוהען דעם סם אין דער טהע אַריין וועט דאָס גאַנצע געלד בלייבען אונזער ווייל עס ווייסט קיינער ניט פין דעם געלד. על כן וואָלט מיר גיפעלין אַז כ'מיר זאָלען אַריין געהן צום שר אין איהם דערציילען די מעשה וועט ער אינז ניט בעפרידיגען:

ווי דער שר האָט דאָס דערהערט די רייד איז ער דערשראָקען געוואָרען אין ער האָט געהייסען דעם יוד אַהיים געהן אין האָט ביי איהם אַראָב גענימען דאָס היטעל. דער יוד איז אַהיים געגאַנגען בשמחה אין דער שר איז אַריין בעגאַנגען צי זיך אין האָט זיך געלעגט שלאָפען ער האָט אָבער ניט גיקענט שלאָפען

זיין הארץ האָט איהם געקלאַפּט ער האָט שוין געהאָפּט עס זאָל שוין ווערען טאָג אין דער פריה האָט ער זיך געהייסען אריין געבען טהע די משרתים האָבין איהם אַריין גיגעבין טעה האָט ער געהייסען דעם משרת ער זאָל טרונקען די טעה האָט דער משרת ניט געוואָלט טרונקען האָט ער שוין גיזעהן אַז דעם יוד׳ס רייד זענען אמת האָט ער גיגעבין די טהע דעם הינד צו טרונקען דער הינד איז תיכף אַנידער געפאַלען טויט. האָט ער די משרתים געגעבען אַפּסק ב דעם האָט ער געשיקט רופען די חשובי העיר אין האָט זיי געוויזען דאָס היטעל אין האָט געהייסען דערקענען וועמענס עס איז זיי האָבין עס תיכף דערקענט אַז דאָס איז דעם חסיד׳ס האָט ער זיי געזאָגט אַז ער איז דער גנב פון די גולדענס, האָבין זיי צו איהם געזאָגט אַדוני דאָס איז ניט מעגלעך מיר קענען דעם מעיש ער איז אַ איש כשר אין אַחכם ער וועט דאָס ניט טוהן האָט דער שר צו זיי געזאָגט איהר ווילט מיר ניט גלייבען איך וועל איהם שיקען רופען וועט איהר זעהן דעם אמת ער האָט נאָך איהם געשיקט ער איז געקומען צום שר מיט גרוס שרעק, דער שר האָט איהם גיפרעגט די דערקענסט דאָס היטעל וועמענס דאָס איז האָט ער מודה געוועזען אַז דאָס איז זיין היטעל:

**האָט** איהם דער שר געזאָגט לויט ווי די גדולי העיר זאָגען אויף דיר וואָס פאַר אַמענש די ביסט זעה איך אַז די ביזט ווייט פון גניבה אין דאָס וואָס די האָסט געגנביט די גולדינס איז מיר אַפּלא, נאָר איך זעה אַז דאָס איז געוועזען אַסבה מן השמים כדי זאָלסט מיך מציל פון זיין טוידט אין האָט איהם דערציילט די גאַנצע מעשה אַז ער איז דאָס געוועזען דער שומר וואָס האָט איהם בייכטין געחאַפּט אין ער האָט איהם אמת געזאָגט אַז זיינע משרתים האָבען איהם געוואָלט הרגענין אין דורך איהם איז ער ניצול געוואָרען, אין האָט איהם געזאָגט אַז עס קומט איהם דאָס גאַנצע געלד ווייל ער האָט איהם מציל געוועזען פון טוידט נאָר אויב די בעשטייסט וועלען מיר זיך טהיילען מיט דעם געלד. ער האָט אַזוי געטוהן אין האָט איהם געגעבין האַלב געלד אין ער האָט אָבגעגעבין אין די אַלע גיוועלבין די גולדענס וואָס ער האָט געגנביט אין ער איז געוועזען אַעושר כל ימיו:

## אַיוינדערליכע מעשה מהצדיק המפורסים ר׳ דוד מטאַלנא זצ״ל.

**דער** רבי ר׳ דוד טאַלנער ז״ל פלעגט צו היילען קראַנקע מיט קמיעות אין אַזעלכע מענשין וואָס אין זיי איז אַריין אַנשמה פון אַמענש (אַדיבוק)

פלעגט

פלעגט ער די דבוקים געבען אחילוק אין די מענשען זאגען אהיים געפאהרען געזינד כאחד אדם:

אמאהל איז ארויס געגאנגען אבחור פין אדארף שניט צייט אכטונג געבען ווי מען שנייט די תביאה האט זיך אגוי מיט איהם געשלאגען אין איז צוריק געגאנגען אהיים זייער מיעד· האט זיך איהם געדאכט אז אשטיק פייער פליהעט אין דער לופט אקייגען זיינע אוגען אין איז אהיים געקומען אין איז משוגע געווארין:

דער פאטער פין דעם בחור האט געהייסען שמואל· ווי דער שמואל האט געזעהן דאס אונגליק וואס עס האט איהם געטראפען· איז ער געפאהרען מיט דעם בחור קיין טאלנאר אזוי ווי זיי זענען אריין געקומען צום רבין האט דער רבי גיפרעגט דעם דיבוק ווער ביזטו? האט ער איהם גיענטפערט שמואל קען מיך גיט איך האב געוואהנט אין דעם זעלבען דארף וואס שמואל וואהנט מיין נאמען איז משה קראטשינער· דאס פינפטע יאהר בין איך שוין טויט· איך האב געטוהן דריי גרויסע עבירות וואס דורך זיי האב איך ניט קיין מניחה אין איך קען ניט קומען אויף מיין ארט אין פיער יאהר בין איך געוועזען אין בהמות טמאות אין עס איז מיר זייער שלעכט געוועזין ביז מען האט מיר גיגעבין רשות איך זאל אריין געהן אין דעם בחור אריין, אין דאס זענען די דריי עבירות וואס איך האב געטוהן· איך האב געקויפט בשתפות אבהמה מיט שמואל'ן אין מען האט זי געשחט'ן אין זי איז טריפה געווארען· שמואל האט זיין חלק פערקויפט אויף טרפה אין איך בין אריין געפאהרען אין שטאדט אריין אין פערקויפט מיין חלק בחזקת כשר די צווייטע עבירה איז· די יודען פין דארף האבען געשטעלט אבית אמדרש בין איך געגאנגען צים גלח אין איהם אהנגערעדט אז ער זאל זיך הייסען געבין געלד ביי די יודען פאר דעם ליים וואס זיי נעמען לעבען דעם דארף דער גלח האט אזוי געטוהן אין האט ביי די יודען גענימען געלד· די דריטע עבירה איז איך האב פערברענט דאס בית המדרש אין פאר די דריי עבירות האב איך ניט קיין תקומה· איונגעל האב איך פין עליף יאהר האט ער בשום אופן ניט געוואלט זאגען קיין קדיש מען האט דעם יונגעל אהנגעטוהן ענויים קשים ער זאל זאגען קדיש אין ער האט בשום אופן ניט געוואלט זאגען מען האט פין הימעל איהם פערשלאסען דאס מויל ער זאל ניט זאגין קיין קדיש אז איך זאל ניט האבין קיין תיקון· דאס אלעס האט דער דיבוק גירעדט פין בחור'ס מויל ארויס· שמואל דער פאטער פין דעם בחור איז נתפעל געווארען הערענדיג די ווערטער ער האט געזאגט אז ער גידענקט דאס אלעס גלייך ווי עס איז הערשט געוועזען:

דער רבי האט דער ווייל געהייסען זיי געהן אויף דער אכסניא· ביי נאכט האט דער בחור געמאכט משיגנע סגיות ער איז געוועזען מסוכן אין

דער פאטער געלאפען צים רבין. האט דער רבי איהם געהייסען נעמען אשאף פייערדיגע קוילען און זאל אריינטער שטעלין אינטער דעם בעט ווי דער בחור שלאפט. דער פאטער האט אזוי געטוהן דער בחור האט זיך אויף געהאפט מיט א רעש און דער דיבוק האט פון איהם ארויס געשריגען דער רבי פערברענדט מיך. שמואל לויף גיך צים רבין ער זאל מיר געבין אתיקון אויב ניט וועל איך ווערגין דיין בחור. שמואל איז געלאפען צים רבין האט איהם דער רבי געענטפערט אז די זאך מיז געווארט זיין ביז מארגען די נאכט איז אדורך געגאנגען זייער שווער עס איז טאג געווארען זענען זיי געגאנגען צום רבין דער רבי האט גוזר געוועזען אויף דעם דיבוק ער זאל ארויס דורך דעם קליינעם פינגער ער זאל דעם בחור גאר ניט מזיק זיין, עס איז אזוי געוועזען דער דיבוק איז ארויס און עס האט דעם בחור גאר ניט געשאדט. און דער רבי האט אהנגעזאגט שמואל'ן אז ער זאל זעהן אז דעם דיבוק'ס יונגעל זאל זאגען עליך חדשים קדיש אזוי ווי דער דין איז. ביי נאכט איז דער דיבוק געקומען דעם בחור צום חלום ער זאל געהן צום רבין ער זאל מתפלל זיין אויף איהם ער זאל קאנען קומען אויף זיין ארט דער בחור איז געגאנגען צום רבין און האט איהם דערציילט דעם חלום דער רבי האט איהם מבטיח געוועזען אז ער וועט מתפלל זיין און ער וועט זיכער האבען אתיקון:

## אווינדערליכע מעשה פון רבין ר׳ אלימלך מליזענסק זצ״ל.

אין א אשה פון רבין ר׳ אלימלך׳ס משפחה איז ארייין אדיבוק און האט פון איהר ארויס גערעדט גויש ער האט ניט געוואלט ריידען קיין יודיש און האט דער אשה זויך ניט געלאזט מזכיר זיין קיין יודישווארט אפילו ווען פרעמדע מענשען האבין פאר איהר מזכיר געוועזען ציודיש ווארט האט ער זיך און איהר נוקם געוועזען און האט איהר אהנגעטוהן יסורים קשים. איז מען מיט איהר געפאהרען קיין נעסחיז צום רבין בשעת זי איז געוועזען אין נעסחיז איז איהר בעסער געווארין ער האט זי ניט אזוי פיעל געפיינעגט. ווי זי איז נאר צוריק אהיים געקומען האט זי דער דיבוק נאך מעהר געפייניגט ווי פריהער איז מען מיט איהר געפאהרען צים קאזניצער מגיד האט ער דעם דיבוק פון איהר ארויס געטריבען און האט איהר געגעבען אקמיע און זי איז געוואהרען כאחד אדם. זי האט בעהאט מנוחה אלאנגע צייט. פאר ראש השנה איז דער דיבוק וויטער ארייין און איהר און האט איהר אהנגעטוהן יסורים קשים און האט איהר ניט

ניט געלָאזט געהן אין שוהל אַריין אין ניט געלָאזט איהר קיין הייליג וואָרט זאָגען. יום כיפור איז זי געגאַנגען אין שוהל אַריין אין דער דיבוק האָט געמאַכט גילעכטערין אין גישפּעט פון יודישקייט אין נאָר גירעדט גויש אין ערשטען טאָג סוכות האָט ער זי געוואָרגען אין זי האָט גאָר ניט גיקענט ריידען מען האָט זי שוין געהאַט מייאַש געוועזען מען האָט ממש ביי איהר גיזעהן יציאת נשמה איהר פאָטער איז געגאַנגען דאַווינען אין שוהל אַריין:

זי האָט געוויזען מיט איהרע פינגער אַז מען זאָל אָהנצינדען ליכט מען האָט אַזוי געטוהן מען האָט אָהנגעצינדען ליכט אין זי האָט אָהנגעהויבען צו ריידען וואָס פאַר אַזוינגערין בין איך דאָס איך זאָל אַזוי לאַנג ליידען יסורים? האָט מען גיהערט אַקול ווי מען האָט איהר גיענטפערט מיין קינד פאָרכט דיך ניט די וועסט שוין מעהר ניט ליידען קיין יסורים די ביסט ניט קיין זינדיגערין די ביסט אַ צדיקות נאָך הינדערט אין צוואָנציג יאָהר וועסטו זיין אין גן עדן אין וואָס האָסט געליטען יסורים ביז יעצט האָט געמיזט אַזוי זיין אין איהר זאָלט ניט מתרעם זיין אויף איהר וואָס זי האָט זיך ניט געפיהרט ביז יעצט בדרך הישר דאָס איז זי ניט שולדיג דאָס האָט אַלץ דער בעל דבר געטוהן ניט זי. אין דאָס וואָס ער האָט געהאַט שליטה צו איהר צוריק צו קומען וויל די קמיע איז אָבגעמעגט געוואָרען תיקף נאָך יו"ט זאָל מען פאָהרען צום קאָזיניצער מגיד ער זאָל איהר שרייבען איין אַנדערע קמיע וועט זי ווערען צוריק כאחד אדם:

ווי די מענשען פון שטיב האָבען דערהערט דאָס קול אַזוי ריידען זענען זיי געלאָפען אין בית המדרש אַריין אַהיים רופען דעם פאָטער פון דער אשה אין האָבין איהם געזאָגט אַז דער רבי ר' אלימלך איז דאָ וויל זיי האָבען דערקענט אין די רייד אַז דאָס איז דער רבי ר' אלימלך דער פאָטער פון דער אשה איז אַהיים געגאַנגען פיעל מענשען זענין מיט געגאנגען. ווי זיי זענען אַריין געקומען האָט דאָס קול אויס גערופען ווער עס איז ניט פון אונזער משפחה זאָל אַרויס געהן. זענען די פרעמדע מענשין אַרויס געגאַנגען עס איז נאָר געבליבען די קרובים האָט דאָס קול זיי געזאָגט דברי' מוסר. אין האָט זיי געזאָגט איהר לערינט אין דאַוועגד איהר ווייסט גיט וואָס דאַווינען איז. איך בין געשטאָרבין אין איך לעב אָבער. אין האָט זיי אָהגעהויבען צו בענשען מיט ברכות אהן שיעור אין האָט זיי געזאָגט איהר זאָלט ניט זאָרגען ביז יעצט איז אייך גיט גיט געוועזען עס האָט געמיזט אַזוי זיין אָבער פון היינט אָהן וועט אייער מזל אויף געהובען ווערען. אין האָט געזאָגט איהר זאָלט די אשה ערליך האַלטען זי וועט תיכף געזינד ווערין אין וועט בקרב הימים מעוברת ווערין מיט אַבן זכר זאָל מען איהם אַנאָמען געבען נאָך מיר. האָט דער פאָטער פון דער אשה גיפרעגט ווי אַזוי איז אייער נאָמען? האָט דאָס קול גיענטפערט אלימלך אין

זייט געזינד. האבען זיי איהם ניט גיענטפערט, האט ער זיי געפרעגט פאר וואס ענטפערט איהר מיר ניט האבין זיי איהם גיענטפערט זייט אינץ מוחל, די אשה איז תיכף אנטלאפען געווארען. ווען זי האט זיך אויף געחאפט האט מען זי גיפרעגט וואס מיט איהר איז דא געשעהן האט זי גיענטפערט אז זי ווייסט גאר ניט. האט מען זי גיפרעגט פאר וואס זי האט געהייסען אהנצינדען ליכט האט זי גיענטפערט אזוי ווי איך בין גיזעסען מיט יסורים האב איך געזעהן ארויס געהן פין אלקער אין שטיב אריין א איש זקן האב איך מיך דערשראקען ע"כ האב איך געהייסען אהנצינדען ליכט. אין דער פריה איז די אשה אויף געשטאנען געזינד כאחד אדם אין איז געגאנגען אין שוהל אריין דאווינען:

## אווינדערליכע מעשה מהגאון הצדיק מו"ה ארי' לייביש אויערבוך אבד"ק סטאניסלב.

ווען ר' ארי' לייביש איז געוועזען רב אין סטאניסלאב איז געוועזען אפרנס החודש א איש נכבד אין אלמדן אין ער האט געהאט קנאה אויף דעם רב וויל ער דאווינד שפעט. ער פלעגט אמאהל קומען דאווינען זייגער ניין אין דער פרנס חודש דאט געוואלט אז מען זאל דאווינען פריה כדרך התיקון. אמאהל דאט דער פרנס חודש אהנגעזאגט דעם שמש אז ער זאל ניט געהן רופען דעם רב צום דאווינען אזוי ווי ער איז געוואהנט געוועזין אלע טאג אריין צו ריפען דעם רב צום דאווינען. אין האט געהייסען דאווינען אהן דעם רב מען זאל ניט ווארטען אויף דעם רב:

דער רב האט געזעהן אז עס איז שוין געקומען די צייט פין דאווינען אין דער שמש איז איהם ניט געקומען רופען איז ער אליין געגאנגען אין שוהל צריין דאווינען. ער איז אבער אהנגעקומען נאך דעם לייגען עס איז פונקט געוועזען אם שבת האט ער צי גערופען דעם שמש אין האט איהם גיפרעגט פאר וואס ער איז איהם ניט געקומען רופען צום דאווינען אין האט איהם געגעבען צוויי פעטש אין תיכף האט ער חרטה געהאט וואס ער האט דעם שמש געגעבען צוויי פעטש אין האט געהייסען דער שמש אז ער זאל איהם צוריק געבען פעטש דער שמש האט ניט געוואלט האט ער אויף איהם גוזר. געוועזען האט דער שמש גיענטפערט אז אזא גזירה וויל ער ניט מקיים זיין דער רב האט גערדאווענט ביחידות מוצאי שבת האט דער רב גענימען אשטעקין אין אטארבע אין געגאנגען אין וועג אריין ער האט אויף זיך גענימען צי לײדען

אַיאָהר גלות ווייל עֶר האָט גֶעשלאָגֶען דֶעם שמש אין עֶר האָט זיך אַגאַנץ יאָהר נִיט אָב גֶעשאָהרֶען די האָר פון קאָפּ אין דֶער שטאָדט איז גֶעוואָרֶען אַ גרויס רעש דֶער רב איז נִיט דאָ מֶען ווייסט נִיט ווי עֶר איז. קיין אַנדעוּעֶן רב האָבִּין זיי נִיט גִיקֶענט נֶעמֶען. אין דֶער פרנס החודש האָט פֶערטרעֶטעֶן דאָס אָרט פון רב מֶען האָט אִיהם אָב גֶעגֶעבֶען דֶעם זֶעלבֶען כבוד ווי דֶעם רב דֶער שמש איז אִיהם גֶעגאַנגֶען רופֶען צִים דאַוויִנֶען אין נאָך אַזעֶלכֶע כבודים :

דאס יאָהר איז פֶערבּיי גֶעגאַנגֶען אין דֶער רב איז צוריק גֶעקומֶען קיין סטאַנִיסלאָב בֶּעוואַקסֶען די האָר בּיז צי די אויגֶען מִיט צירִיסִינֶע מלבושים אין צוריסִינֶע שיך מֶען האָט אִיהם קיינֶער נִיט דֶערקֶענט עֶר איז פרייטִיג פאַר נאַכט גֶעגאַנגֶען אין שוהל אַריין דאַוויִנֶען אין איז גֶעשטאַנֶען לעֶבֶען דֶער טהיר גלייך מִיט אָרִימֶע לייט. בשעת מֶען האָט איינגֶעטיילט די אורחים איז אִיהם אויס גֶעקומֶען צו עֶסִין ביי דֶעם פרנס החודש נאָך דֶעם עֶסִין האָט עֶר גֶעבֶּעטֶען דֶעם פרנס החודש אַז עֶר זאָל אִיהם לאָזֶען דאָ נֶעכטִיגֶען דער פרנס החודש האָט גֶעהייסֶען אוסבֶּעטֶען אַגיִלֶעגֶער אין עֶר האָט זיך גֶעלֶעגט שלאָפֶען. עֶר איז אויף גֶעשטאַנֶען גאַנץ פריה דֶער פרנס החודש מִיט זיין גאַנץ בני בית זֶענֶען גאָך גֶעשלאָפֶען אין איז גֶעגאַנגֶען אין מקוה אַריין אין איז צוריק גֶעגאַנגֶען צום פרנס החודש אין זיך אויך צוריק גֶעלייגט אויף דֶעם גיִלֶעגֶער אין מהרהר גֶעוועֶזֶען בדברי תורה עֶס איז גֶעוואָרֶען שפֶּעט עֶס איז שוין גֶעקומֶען די צייט פון דאַוויִנֶען אין זיי אַלֶע זֶענֶען נאָך גֶעשלאָפֶען איז עֶר אויך גיִלעגֶען אויף דֶעם גיִלֶעגֶער אין גיִלֶערֶענט. דֶערווייל איז אַריין גֶעקומֶען דֶער שמש רופֶען דֶעם פרנס חודש צים דאַוויִנֶען. ווי דֶער שמש האָט גֶעזֶעהן אַז זיי שלאָפֶען נאָך אין דֶער רב האָט זיך אויף גֶעמאַכט שלאָפֶענדִיג האָט עֶר אַראָב גֶענִימֶען די לייכטֶער פון טִיש אין האָט זיי בֶּעהאַלטֶען אִינטֶער דֶער פאָלֶע אין איז זיך אַוועֶק גֶעגאַנגֶען :

דער רב האָט דאָס גֶעזֶעהן אין האָט זיך נִיט ווִיסֶענדִיג גֶעמאַכט. דֶער שמש איז באַלד צוריק גֶעקומֶען אין גֶעזאָגט עֶס איז שון די צייט פון דאַוויִנֶען אין אִיהר שלאָפט נאָך. דֶער בעל הבית האָט זיך אויף גֶעחאַפּט אין האָט דֶער זֶעהן אַז די לייכטֶער זֶענֶען נִיט דאָ האָט עֶר גֶעמאַכט אַ גֶעשריי. דֶער שמש האָט גֶעזאָגט אַז עֶר איז אַריין גֶעקומֶען אין שטִיב אַריין איז די טהיר גֶעוועֶזֶען אָפֶען דֶער אורח איז גֶעלֶעגֶען אָהן גֶעשפאַרט אויף דֶעם טִיש זִיכֶער האָט עֶר גֶענִימֶען די לייכטֶער. דֶער רב האָט אִיהם גִיפרֶעגט צי עֶר קֶען אויף דֶעם שווֶערֶען ? איז דֶער שמש צי גֶעלאָפֶען צִים אורח מִיט רצִיחה אין האָט צי אִיהם גֶעזאָגט גנב גִיב אָב די גניבה אין האָט אִיהם גֶעגֶעבֶען צוויי פֶּעטש ווי עֶר האָט אִיהם גֶעוואָלט גֶעבֶען נאָך אַפּאַטש האָט עֶר אִיהם גֶעזאָגט גִיב נִיט מֶעהר דֶען איך האָב דיר אויך נִיט גֶעגֶעבֶען נאָר צוויי פֶּעטש איך וויל נִיט קיין פראָצֶענט.

נאָר

נאָר גיב אָב די לייכטער וואָס האָסט זיי אַוועק געטראָגען אונטער דער פּאָלע אין געה זאָג דער רבנית אַז דער רב איז צוריק געקומען:

# אַווינדערליכע מעשה מהרב הצדיק מאַפּטאַ.

אַ סוחר איז געקומען צום רבין פרעגין אַעצה צי ער זאָל פאָהרען קיין יאַסי האַנדלין האָט איהם דער רבי געהייסען פאָהרען אין האָט איהם גיפרעגט אַז איהר פאָהרט אין וועג אין איהר טרעפט אַ אָרימאַן געהן אין בעט ביי אייך איהר זאָלט איהם אויף נעמען אויף דער פיהר צי נעמט איהר איהם אויף? האָט איהם דער סוחר גיענטפערט עס טרעפט זיך פיהל מאָהל אַז איך בעגעגען אַ אָרימאַן געהן הייס איך דעם שמייסער ער זאָל זיך שטעלען אין הייס דעם אָרימאַן אויף זיצען אויף דער פיהר. האָט איהם דער רבי ווייטער געפרעגט אַז מען טרעפט אַאָרימאַן אַלאָמען וואָס דאַרף מען טוהן? האָט איהם דער סוחר גיענטפערט אַזעלכע דאַרף מען זיכער אויף נעמען. האָט דער רבי געזאָגט מיר דאַכט זיך אַז אַלאָמען דאַרף מען ניט אויף נעמען אַ גזינדטער מענש אַז ער געהט אין וועג אין ווערד מיעט דאַרף מען איהם אויף נעמען אָבער אַלאָמער דאַרף זיך ניט אינטער שטעלין צי געהן אינטער וועגענס ער דאַרף זיך ניט צי פערלאָזען אַז ער וועט טרעפין אפיהר אין מען וועט איהם אויף נעמען. איבער דעם דאַרף מען מורא האָבען אפשר איז ער אַרויבער אין מאַכט זיך לאָם כדי מען זאָל איהם אויף נעמען אין ער זאָל קענען בערויבען מענשען, דעם סוחר איז עס געוועזען אַפּלא פאַר וואָס דער רבי רעדט מיט איהם אַזעלכע ווערטער:

דער סוחר האָט זיך אָב געזעגענט מיט דעם רבין אין איז געפאָהרען אין וועג אַריין. דער סוחר האָט זיך געלייגט שלאָפען אויף דער פיהר אין איז אַנטשלאָפען געוואָרען. פאָהרענדיג האָבין זיי בעגעגענט אַמענש געהן אויף קילעס אין האָט געבעטען ביי דעם שמייסער ער זאָל זיך שטעלען אין וואַרטען ביז ער וועט צי קומען צי דער פיהר. די מענשען וואָס זענען געזעסין אויף דער פיהר האָבין געבעטען דעם שמייסער ער זאָל זיך שטעלען אין אויף נעמען דעם מענש. דער בעל העגלה האָט זיך גישטעלט וואַרטען אויף דעם לאָמען. דער סוחר האָט זיך אויף געהאַפּט אין גיפרעגט וואָס מען שטעהט. האָבען זיי איהם גיענטפערט אַז זיי וואַרטען אויף דעם לאָמען מען זאָל איהם אויף נעמען אויף דער פיהר. דער סוחר האָט זיך דערמאַנט אין רבינ'ס רייד אין געהייסען פאָהרען וואָס גיכער, דער לאָמער האָט געשריגען האָט רחמנות

אויף

אויף מיר אין ווארט אויף מיר אין נעמט מיך אויף. דער סוחר האט געזאגט צום בעל עגלה ער זאל נאר אנטלויפען. דער שמייסער האט געיאגט די די פערד אין איז אוועק געפאהרען. די מענשען וואס זענען גיזעסען אויף דער פיהר אקייגען איבער האבען געזעהן ווי דער לאמער האט גענומען ביידע קיליעס אין איין האנד ארויין אין איז נאך געלאפען דער פיהר ווי זיי האבען דאס דערזעהן האבין זיי געהייסען דעם בעל עגלה וואס שנעלער פאהרען. ווי דער לאמער האט געזעהן אז ער וועט ניט קענען חאפען די פיהר האט ער גענומען אשטעקען אין זיי געווארפען עס האט אבער זיי ניט געטראפען:

## נאך אמעשה פון רבין מאפטא אין אטייטש אויף אפסוק.

ווען דער רבי ר' אברהם יהושע העשעל מאפטא איז נאך געוועזען רב אין קאלביסוב. איז פאר איהם פארגעקומען אגרויסע דין תורה איז ער גיזעסען ביי דער דין תורה מיט עטליכע דיינים די דיינים האבען גענומען שוחד ביי איין בעל דין אין האבען נוטה געוועזען דעם בעל דין גערעכט צו מאכען. דער רבי האט אבער ניט געוואלט מסכים זיין מיט זיי אין האט געזאגט אז דער דין איז ניט אזוי ווי זיי זאגען. די דיינים האבין גיזעהן אז זיי וועלען מיט איהם גאר ניט מאכין האבען זיי געזאגט זייער בעל דין אז ער זאל משחד זיין דעם רב. ער האט אבער געוויסט אז עס איז ניט מעגליך משחד צו זיין דעם רב האבען איהם די דיינים מייעץ געוועזען אז ער זאל ארויין לייגען אין זיין מלבוש פון ראש חודש געלד. ער האט אזוי געטוהן ער האט ארויין געלייגט אין רב'ס מלבוש ארויין געלד אין עס האט קיינער ניט געזעהן:

דער רב. האט ווייטער אהנגעהויבען צו קלערען וועגען דער דין תורה האט ער געזעהן ווי זיין דיעה איז שוין אויך מסכים צו די דיינים האט ער ניט פערשטאנען וואס דאס איז האט ער אב געלייגט די דין תורה אויף דעם צווייטען טאג אין האט געהייסען די דיינים מיט בעלי דינים אהיים געהן. אין ער איז ארויין געגאנגען אין אבעזונדער חדר אין האט געוויינט פאר דעם רבונו של עולם אויף דעם וואס זיין דיעה איז אויך נוטה צו די דיינים ווארום באמת איז דער דין ניט אזוי ווי די דיינים זאגען. אויף דעם צווייטען טאג האט ער ווייטער געזעהן ווי זיין דיעה איז נוטה צו די דיינים האט ער ווייטער אבגעלייגט די דין תורה. עס האט אזוי געדויערט ביז ראש חודש. ראש חודש האט ער גענומען זיין מלביש זיך אהנגטוהן האט ער גיזעהן אז עס

איז זייער שוועהר האט ער אריין גישטעקט זיין האנד אין קעשינע אריין אין האט ארויס גענומען עטליכע רענדליך. האט ער פערשטאנען אז עמיצער האט עס איהם אריינגעלייגט האט ער גיפרעגט זיין ווייב צי זי ווייסט ניט ווער. האט זי איהם גיענטפערט אז זי ווייסט ניט. מען האט אהנגעהויבען חוקר ודורש זיין ביז עס איז געבליבען במוסכם אז עס האט עס קיינער ניט געטוהן נאר דער בעל דין. האט דער רב נאך איהם געשיקט אין האט אויף איהם גוזר געוועזען אז ער זאל מודה זיין. דער בעל דין האט תיכף מודה געוועזען. האט איהם דער רב געזאגט די ביסט ארשע איך וועל שוין ניט זיצען ביי דער דין תורה:

מיט דעם האט ער אויס געטייטש דעם פסוק „ויסלף דברי צדיקים" דאס איז טייטש דער שוחד פערקרימט די רייד פון צדיקים דאס מיינט מען אפילו דער צדיק וואס האט גאהר ניט קיין ידועה פון שוחד דהיינו מען גיט איהם שוחד אפילו ער ווייסט גאר ניט. אזוי ווי ביי איהם איז געוועזען ער האט גאר ניט געוויסט פון דעם שוחד פון דעסטוועגען מיז ער נוטה זיין צו דעם בעל דין:

## אקליג ווארט פון רבין ר' בונם זצ"ל.

דער רבי ר' בונם איז אמאהל געקומען צו זיין רבין דעם יוד הקדוש אין האט שלעכט אויס געזעהן האט איהם דער יוד הקדוש גיפרעגט וואס ער זעהט אויס אזוי שלעכט. האט ער איהם גיענטפערט אז עס האט איהם איינער שטארק מבייש געוועזען. האט זיך דער יוד הקדוש געווינדערט אין איהם גיפרעגט ווער איז דאס דער מענש וואס האט דיך מבייש געוועזען האט ער איהם ניט געוואלט זאגען האט איהם דער יוד הקדוש שטארק מפציר געוועזען אז ער זאל אויס זאגען ווייל ער האט דעם מענש געוואלט מעניש זיין ער האט איהם אבער ניט געוואלט זאגען:

האט איהם דער יוד הקדוש גיפרעגט וואס האסטו געטוהן דעם מענש וואס ער האט דיך מבייש געוועזען. האט ער איהם גיענטפערט איך האב איהם געקושט. איז דאס דעם יוד הקדוש נאך מעהר אווינדער געוועזען האט ער איהם געהייסען ער זאל איהם אויסזאגען ווער דאס איז געוועזען האט ער איהם גיענטפערש איך האב אריין געקוקט אין ספר שבט מוסר האב איך געזעהן אז איך האב נאך גאר ניט געטוהן קיין מצות וואס איוד דארף טוהן האב איך זיך שטארק פערשעמט אז מיין נשמה איז מיר כמעט ארויס פאר בושה

מַעֲשֶׂה נאָך דעֶם האָב איך אִיהם געֶגעֶבעֶן אַקוּש אִין אַרַיין געֶשטעֶלט אִין שאַנק אַרַיין :

פִין דאַנעֶן קעֶנעֶן מִיר זיך אַרוֹיס נעֶמעֶן אַמוּסר השכל אַז דעֶר רבִי ר׳ בִּינם אִיז מבייש געוואָרעֶן פִין ספר שבט מוּסר וואָס עֶר אִיז געֶוועֶזעֶן אַצדִיק גדול אִין אִיז אַרוּם געֶגאַנגעֶן מִיט אַשלעֶכט פּנִים וואָס זאָלעֶן מִיר טוּהן מִיר דאַרפעֶן תמִיד וויינעֶן אִין קלאָגעֶן אוֹיף אוּנזעֶרעֶ חטאִים . השי״ת זאָל אִינז העֶלפעֶן מִיר זאָלעֶן זוֹכה זיין תשובה צִי טוּהן בלב שלם אמן :

# אַוְוינְדעֶרְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּין ר מָעֶנְדֶילֶע פוּן רוּמנוֹב .

אִין אַדאָרף לעֶבעֶן ראָפשעֶץ האָט געֶהאַלטעֶן אַיוּד איין אַרעֶנדעֶ ביי אַפּרִיץ אִין עֶר אִיז געֶוועֶזעֶן אַגרוֹיסעֶ אביון עֶר האָט נִיט געֶהאַט צִי בעֶצאָהלעֶן די ראַטעֶס . האָט אִיהם דעֶר פּרִיץ געֶזאָגט אוֹיב עֶר וועֶט אִיהם נִיט בעֶצאָהלעֶן דאָס געֶלד וואָס עֶר אִיז אִיהם שִׁלדִיג וועֶט עֶר אִיהם אַרוֹיס וואַרפעֶן פִין דעֶר אַרעֶנדעֶ אִין עֶר זאָל נִיט קוּמעֶן צִי אִיהם בעֶטעֶן אוֹיב עֶר וועֶט צִי אִיהם קוּמעֶן מִיט לעֶדִיגעֶ העֶנד וועֶט עֶר אִיהם שטראָפעֶן עֶר וועֶט אִיהם שמייסעֶן . דעֶר אַרעֶנדאַר אִיז געֶפאָהרעֶן קיין ראָפשִיץ צִים רבִין ר׳ נפתלי אִין האָט אִיהם דעֶרציילט די מעשה וואָס דעֶר פּרִיץ האָט אִיהם געֶזאָגט אִין קעֶן נִיט געֶהן צִים פּרִיץ בעֶטעֶן ווייל דעֶר פּרִיץ האָט אִיהם געֶזאָגט אַז אוֹיב עֶר וועֶט צִי אִיהם קוּמעֶן בעֶטעֶן וועֶט עֶר אִיהם שמייסעֶן . האָט אִיהם דעֶר רבִי ר נפתלי געֶזאָגט די זאָלסט נִיט געֶהן צִים פּרִיץ גאָט וועֶט דִיר אַזוֹי אוֹיך העֶלפעֶן די דאַרפסט נִיט מפקר זיין דיין גוּף מעֶן זאָל אִיהם שלאָגעֶן :

דֶעֶר אַרעֶנדאַר אִיז אַהיים געֶקוּמעֶן אִין האָט דעֶרציילט דעֶם עֶנטפעֶר וואָס דעֶר רבִי האָט אִיהם גִיעֶנטפעֶרט . האָבעֶן זיי אִיהם גִיפרעֶגט וואָס וועֶסטו טוּהן דעֶר טעֶרמִין אִיז שוֹין באַלד דעֶר פּרִיץ וועֶט באַלד שִיקעֶן זיינעֶ משרתִים אִין זיי וועֶלעֶן אוּנז אַרוֹיס טרייבעֶן . האָט עֶר זיך מיישב געֶוועֶזעֶן אִין אִיז געֶפאָהרעֶן קיין רוּמנוֹב צִים רבִין ר׳ מעֶנדִילעֶ אִין פאַר אִיהם שטאַרק געֶוויינט . האָט אִיהם דעֶר רבִי גִיעֶנטפעֶרט וואָס אִיז דעֶר רעש געֶה צִים פּרִיץ אִין אַז עֶר וועֶט דִיר הייסעֶן געֶבעֶן פִיעֶר אָבעֶר פִינף קלעֶפּ וועֶט דִיר גאָר נִיט זיין אִין נאָך די קלעֶפּ וועֶט עֶר בעֶסעֶר וועֶרעֶן דעֶר אַרעֶנדאַר אִיז אַהיים געֶקוּמעֶן אִין דעֶרציילט דעֶם עֶנטפעֶר פִין רבִין אִיז די עצה זיי געֶפעֶלעֶן אִין אִיז געֶגאַנגעֶן צוּם פּרִיץ, ווי דעֶר פּרִיץ האָט אִיהם דעֶרזעֶהן האָט עֶר אִיהם געֶהייסעֶן אַנִידעֶר ליִיגִין

לייגען אויף אַבאַנק אין איהם געֶבעֶן פינף קלעֶפּ אין דאָט גאָר ניט גיהעֶרט
ביי זיין וויינעֶן אין שרייעֶן מעֶן האָט איהם געֶגעֶבעֶן פונף קלעֶפּ נאָך דעֶם האָט
ער זיך אויף געֶהויבעֶן אין זיך אַנידעֶר געֶזעֶצט אין אַווינקעֶלעֶ אין געֶוויינט
אין גיקרעֶכצט:

דער פּריץ האָט אויף איהם רחמנות בעֶקומעֶן אין האָט שטאַרק חרטה געֶהאַט וואָס ער האָט איהם געֶהייסעֶן שמייסעֶן ער האָט געֶזאָגט וואָס קעֶן ער טוהן אז ער איז אָרים, אין דער ארענדאר האָט בעֶקומען חן ביי דעם פּריץ אין האָט איהם געזאָגט דאָס וואָס ביסט מיר שילדיג בין איך דיר מוחל נאָר פּין היינט אָהן אין ווייטער זאָלסטו מיר צאָהלעֶן אין פאר די פינף קלעפּ גיב איך דיר יעדען יאָהר פונף קלאַפּטער האָלץ אין פּאַשע פאַר דיינע בהמות וועגען. דער אַרענדאר איז אהיים געֶגאַנגעֶן פין פריץ מיט אשמחה אין איז געפאָהרעֶן קיין רומנוב צים רבין אין איהם דערציילט די בשורה. האָט איהם דער רבי געזאָגט וואָס האָסטו גירעכענט אויף דעם רבין פון ראָפּשיץ וואָס האָט דיך ניט געהייסין געהן צום פריץ ניט וויל ער האָט ניט געזעהן מיט ריח הקודש אז נאָך די קלעפּ וועט דיר בעסעֶר זיין נאָר וויל עֶר האָט ניט גיקענט ליידען אז איוד זאָל בעקומען קלעפּ. איבער דעם האָט ער דיך ניט געהייסעֶן געהן צום פריץ. אָבעֶר איך האָב גיזעהן אז עס איז כדאי צו בעֶקומעֶן קלעפּ כדי עס זאָל דיר נאָך דעם גוט זיין.

# נאָך אַ ווינדערליכעֶ מַעֲשֶׂה פון רֶבִּין ר' מֶענְדֶלֶע מִרוֹמַנוֹב וצ"ל.

אַמאָהל ביינאַכט ווען דער רבי ר' מעֶנדעֶלעֶ איז געֶשלאָפעֶן אין זיין חדר אין זיין מעמש ר' הירש איז געֶשלאָפעֶן אין דעֶר פעֶדעֶרשטיב. האָט עֶמיצעֶר געֶקלאַפּט אין דעֶר טהיר. אין וויל דעֶר רבי האָט איהם ניט געֶדייסעֶן עֶפינעֶן די טהיר האָט עֶר ניט גיעֶפּעֶנט נאָר עֶר איז גילעֶגעֶן אויף דעֶם גילעֶגעֶר אין האָט גיוואָלט זעֶהן וואָס דאָ וועֶט זיין. פלוצלונג האָט עֶר גיזעֶהן ווי אַמעֶנש איז אַריין געֶקומעֶן אין שטיב אַריין אין איז גלייך אַריין געֶגאַנגעֶן צים רבין (דאָס איז געֶוועֶזין דעֶר שר פין פרייסעֶן) אין האָט גיבעֶטעֶן דעֶם רבין עֶר זאָל איהם עֶרלויבעֶן צו געֶהן קיין רוסלאַנד דורך גאַליציא אין דעֶר רבי האָט איהם ניט עֶרלויבט. האָט עֶר איהם געֶזאָגט איך וועֶל קויפעֶן מיין גאַנץ הצטרכות ביי די יודעֶן פין מיר וועֶלען די יודעֶן פין גאַליציאָ רייך וועֶרעֶן

ווערֶען . האָט איהם דער רבי גיעֶנטפערט איך וויל ניט דיין רייכקייט אין וויל גיט די זאָלסט אַדורך געֶהן דורך גאַליציאָ :

ווען דער שר איז אַרויס געגאַנגען האָט דער רבי גיפרעגט זיין משמש צי ער ווייסט ווער דאָס איז געוועזען האָט איהם דער משמש גיענטפערט דאָס איז גיוועזין דער שר פון פרייסען . (דער משמש איז געוועזין אַגרויסער מאַן ער איז געוואָרין רבי אויף ר' מענדילעס אָרט) . האָט איהם דער רבי געזאָגט די האָסט גיט גיזעהן יוזילע גנב (אַזוי האָט ער גערופען דעם שר פון פרייסען) וויל אַדורך געהן דורך גליציא אין מטמא זיין דאָס לאַנד :

# נאָך אַווינדערליכע מַעשה פון רבין ר מענדעלע מרומנוב זצ"ל.

דער רבי ר' הירש מרומנוב איז געבליבען אַיתום קליינע היינט אָהן פאָטער אין מוטער האָבען איהם זיינע קרובים געגעבען צי אַשניידער ער זאָל זיך לערנען שניידעריי . ער האָט אָבער ניט געוואָלט זיין קיין שניידער ער האָט בעסער געוואָלט לערנען . איז ער אַוועק פון זיין שטאָדט פון טאָרנאָ אין איז גיוועזין נעונד ביז ער איז געקומען קיין פריסטוק אין איז אַריין געגאַנגען אין רבין ר' מענדילעס בית המדרש אַריין (ער האָט פריהר געוואָהנט אין פריסטוק) אין האָט זיך אַנידער גיזעצט ביי אַטיש אין געזאָגט תהילים מיט אַגרויס געוויין . די מענשין פון בית המדרש האָבען איהם גיפרעגט וואָס ער וויינט אַזוי אין פון וואַנען ער איז ? האָט ער נאָך מעהר געוויינט אין זיי דערציילט אַז ער האָט ניט קיין פאָטער אין מוטער אין האָט ניט ווער עס זאָל זיך אויף איהם אומקוקען אין ער וויל לערנען. ווען עס זאָל וועלכער מענש מיט איהם לערנען וואָלט ער איהם פשוט מחיה געוועזען . די מענשען האָבען אויף איהם רחמנות געהאַט אין האָבען מיט איהם גילערענט אין ער האָט מצליח געוועזען אין לערנען אין איז אַלע מאָהל געוואַקסען גרעסער ער האָט שוין גילערינט בעזאַמען מיט אַלע בית המדרש בחורים אין איז געוועזען זייער פרים איז אַלע טאָג געוואַקסען גרעסער בעבודת ה' :

דעם רבין ר' מענדעלי האָט ער ניט געזעהן נאָר ווען ער איז געקומען אין בית המדרש אַריין דאַווינען ער האָט אָבער משתוקק געוועזין צי זיין ביי דעם רבין אין שטיב ער זאָל איהם קענען משמש זיין אַזוי ווי די גמרא זאָגט אַז משמש זיין אַתלמיד חכם איז גרעסער ווי לערנען כדי ער זאָל זיך קענען אָבלערנען פון זיינע מעשים . ער האָט שוין גיט גיקענט רוהן אין ער האָט

האָט שוין גיקלעהרט ווי אַזוי ער זאָל קענען זיין אַמעמש ביי דעם רבין · האָט ער זיך מיישב געווען אין איז צי געגאַנגען צי דעם היינצער אין איהם געזאָגט וויל די קאַמער פון האָלץ איז ווייט פון שטיב גיב מיר דעם שליסעל פון קאַמער וועל איך דיר אַריין ברענגען האָלץ ווען מען וועט דאַרפען. דער היינצער האָט איהם געגעבען דעם שליסעל אין דער בחור האָט אַריין געטראָגען יעדען טאָג האָלץ מיט אַזריזות גלייך ווי ער וואָלט גיברענגט האָלץ צי דער מערכה · אַזוי ווי ער האָט אַריין געטראָגען דאָס האָלץ איז ער זיך צוריק געגאַנגען לתורה ועבודה עס איז פערביי געגאַנגען עטליכע טעג האָט ער גיבעטען דעם היינצער אַז ער זאָל איהם לאָזען איינהייצען דער היינצער האָט איהם דאָס אויך צוליעב געטוהן · אין אַצייט אַרום האָט ער שוין אָהנגעהויבען אַריין צי געדן אין רבי׳נס שטיבעל אַריין יעדען טאָג ווען דער רבי איז זיך געגאַנגען מכין זיין איז ער אַריין געגאַנגען אין שטיבעל אַריין אין געבעטען דעם משרת ער זאָל איהם לאָזען אויס קעהרען דער משרת האָט איהם צוליעב געטוהן אין איהם געלאָזט אויס קעהרען ער האָט גיקעהרט בשמחה רבה דאָס ער האָט זוכה געווען אויס קעהרען דעם צדיק׳ס חדר נאָך דעם קעהרען איז ער זיך ווייטער געגאַנגען צי זיין תורה ועבודה:

די משמשים האָבען דעם בחור שטאַרק ליעב געהאַט אין וואָס ער האָט פון זיי פערלאַנגט האָבען זיי איהם צוליעב געטוהן נאָר צי בעטען דעם רבי׳נס בעט האָבען זיי איהם ניט געלאָזט וויל זיי האָבען מורא געהאַט אפשר וועט ער ניט גוט בעטען וועט דער רבי אויף זיי מקפיד זיין. אין דער בחור האָט אָבער זיך פון דעם אויך ניט מייאש געווען ער האָט געזיכט עצות ווי אַזוי ער זאָל קענען בעטען דער רבי׳נס בעט · האָט זיך געמאַכט אַז דער משמש האָט בעדאַרפען אַוועק צי געהן איז דער בחור צי איהם צי געגאַנגען אין איהם געבעטען די דאַרפסט דאָך אַוועק צי געהן לאָז מיך בעטען דאָס בעט דער משמש האָט איהם געהייסען בעטען דאָס בעט אונזער בחור האָט זיך דערפרייט אַז ער האָט זוכה געווען צי דעם וואָס ער האָט שוין לאַנג משתוקק געווען · דער בחור האָט דאָס בעט גיבעט מיט גרויס זריזות אין טרערען פון פרייד האָבען זיך בעוויזען אויף זיין פנים דאָס ער האָט זוכה געווען צי דעם:

ווי דער רבי האָט זיך געלייגט שלאָפען האָט ער דערקענט אַז דאָס בעט איז היינט אַנדערש גיבעט ווי שטענדיג אין ער האָט מרגיש געווען אַז זיינע משמשים האָבין דאָס בעט ניט גיבעט בעוויל ער האָט ניט גיקענט שלאָפען. האָט ער אַריין גערופען זיין גבאי אין האָט איהם גיפרעגט ווער האָט היינט גיבעט דאָס בעט? האָט איהם דער גבאי גיענטפערט מן הסתם האָט עס גיבעט דער זעלבער וואָס שטענדיג האָט דער רבי געזאָגט די זאָגסט שקר איך דערקען אַז

הײַנט האָט ניט גיבעט דער זעלבער וואָס שטענדיג איך האָב ניט גיקענט שלאָפען מען האָט אַרײַן גערופען דעם משרת וואָס פלעגט שטענדיג צי בעטען אין מען האָט איהם גיפרעגט ווער עס האָט הײַנט גיבעט האָט דער משרת גיענטפערט איך האָב הײַנט ניט גיבעט ווײַל איך האָב בעדאַרפט אַוועק צי געהן מיט אַשליחות וואָס דער רבי האָט מיך געשיקט אין דער בחור הירש פין טאָרנאָ בעט שוין מיך שוין אַלאַנגע צײַט איך זאָל איהם לאָזען בעטען אין הײַנט האָב איך איהם געמיזט לאָזען בעטין. האָט דער רבי געזאָגט אויב אַזוי אַז דער בחור האָט גיבעט זאָג איך אײַך אַז מהיום והלאה זאָל זיך ניט דערוואַגען עמיצער צי בעטען נאָר דער בחור. מען האָט שוין דעם בחור אַרײַן געריפען צים רבין אין איז געוואָרען אמשמש בײַ דעם רבין. יעצט האָט ער שוין געהאַט וואָס ער האָט געוואָלט ער האָט שוין ניט אַרויסגיטרעטען פין רבין אין ער האָט הערשט אָהנגעהויבען צי וואַקסען אַלע מאָהל גרעסער אין גרעסער:

דער רבי האָט זיך אויס געצויגען פין פריסטוק קײַן רומנוב אין האָט מיט גענימען מיט זיך דעם בחור אין האָט איהם דאָרט חתונה געמאַכט. נאָך דער חתונה האָט איהם דער רבי איבער גיגעבען אין זײַן האַנד אַרײַן זײַן גאַנץ הויז מען האָט קײַן זאַך ניט געטוהן אָהן איהם. ווען ער איז געוואָרען רבי האָט ער דערצײַלט אַז בשעת זײַן חתונה ווען די בחורים זענען בײַ איהם גיזעסען איז צי איהם אַרײַן געקומען דער רבי ר׳ מענדעלי אין האָט מיך אַוועק גערופען פין די בחורים אין צי איהם געזאָגט קום וועל איך דיך לערנען וואָס מען מײַנט חתונה אין האָט איהם פיעל כודות מגלה געוועזען. פין דאַנען זעהן מיר ווי גרויס שימוש תלמודי חכמים איז:

## אַוויינדערליכע מעשה פון רבין ר׳ חיים מצאַנז זצ״ל.

דער רבי מצאַנז איז געוועזען אַ אײַדים פון דעם גאון מלײַפניק דער שדהן איז געוועזען הגאון ר׳ יהושע העשיל בן הגאון מלײַפניק. די מעשה איז אַזוי געוועזען. דער גאון ר׳ יהושע העשיל איז אַ מאָהל געוועזען אין טאַרניגראַד אודות מסחר ווען ער האָט זיך ערלעדיגט פון זײַן מסחר איז ער אַרײַן געגאַנגען אין בית מדרש אַרײַן לערנען האָט ער געטראָפען דעם צדיק ר׳ חיים מצאַנז ווען ער איז נאָך געוועזען אַ בחור זיצען אין לערנען מיט גרויס התמדה. דער בחור איז איהם זייער גיפעלען ער האָט מיט איהם אָהנגעהויבען צי שמיסען אין לערנען האָט ער געזעהן אַז ער איז אַגרויסער

גאון וחריף ובקי . האט ער איהם גיפרעגט ווער ער איז האט ער איהם געזאגט . ער האט גיזעהן אז ער איז אמיוחס איז איהם איינגעפאלען אז זיין פאטער זאל איהם נעמען פאר א איידים . דער גאון ר׳ יהושע העשיל איז געגאנגען אויף דער אכסניא און אבגעשריבען אבריף צו זיין פאטער (ווייל ער האט נאך בעדארפט זיין אין טארניגראד) און איהם פאר געלייגט דעם שידוך .

**דער** ר׳ לייביש דער צאנזער רבי׳נס פאטער איז דאמאלס געווזען אין לייפניק אין איז געוועזען איוצא ונכנס ביי דער גאון מלייפניק ווען דער בריעף איז אהן געקומען איז פונקט ר׳ לייביש געוועזען ביי דעם גאון . ווי דער ר׳ לייביש האט דער זעהן די פאסט התימה פין טארניגראד האט ער געזאגט אז דער בריף איז זיכער צו מיר . האט דער גאון געזאגט ווייל ער איז אהנגעקומען צו מיר וועל איך איהם עפינען און אויב ער וועט זיין צו אייך וועל איך איהם אייך געבען . דער גאון האט גיעפענט דעם בריעף און גיזעהען אז ער איז פין זיין זוהן ר׳ יהושע העשיל וועגען דעם שידוך מיט ר׳ לייבישעס בחור . דער רבי האט געוויזען דער בריעף צו ר׳ לייבישען און איהם גיפרעגט צו ער איז מסכים צו דעם שידוך . ר׳ לייביש האט באלד געענטפערט אז ער איז זייער גערען צו האבען איהם פאר אמחותן האט דער רבי געזאגט צו ר׳ לייבישען שון עטליכע חדשים רעדט מען מיר אשידוך פאר מיין טאכטער מיט בן הגאון ר׳ זלמן מרגליות מבראד אין דעם לעצטען בריעף האב איך געשריבען אז ביז חמשה עשר בשבט אז עס וועט ניט עמיצער קומען מיט א קלאהרע תשובה מיט אכח הרשאה צו ענדיגען דעם שידוך וועל איך טוהן אצווייטען שידוך אין היינד איז דאך חמשה עשר בשבט ע״כ וועל איך נאךווארטען ביז ביי נאכט און אויב עס וועט ניט קומען קיין ידיעה וועלען מיר שרייבען תנאים מיט אייך :

**דער** ר׳ לייביש איז זיך געגאנגען אויף זיין אכסניא איז פונקט אהנגעקומען א מענש פין דער פרעמד ר׳ לייביש האט איהם געגעבען שלום און איהם גיפרעגט פין וואנען ער איז דער מענש האט איהם גיענטפערט אז ער איז פין בראד און איהם דערציילט אז ער איז געשיקט פין דעם רב מבראד צו דעם היגען רב מיט אכח הרשאה צו שליסען דעם שידוך . ר׳ לייביש האט אהנגעהויבען צו שמיסען מיט דעם מענש וועגען אנדערע זאכען דער ווייל האט ער איהם גיפרעגט צו ער וועט טרינקען אגלעזעל וויין דער מענש האט גיענטפערט אז ער וועט טרונקען , ר׳ לייביש האט איהם געהייסען געבען אגלעזעל אלטען וויין . דער מענש האט אויסגעטרונקען דאס גלעזעל וויין און איז אביסעל שיכור געווארען האט איהם ר׳ לייביש געזאגט איהר פאלגט מיך און דאווינט אב מנחה און לעגט אייך אביסעל שלאפען איהר זענט דאך מיעד . דער מענש האט אזוי געטוהן , ר׳ לייביש האט זיך ניט וויסענדיג געמאכט

אין

אין איז בייַנאַכט אַריבער געגאַנגען צום רב אין איהם גיפרעגט צי עס איז דאָ עפּיס אידיעה פין בראָד האָט איהם דער רב גיענטפערט אַז עס איז ניט דאָ קיין ידיעה אין איהם געזאָגט איך האָב געטוהן מיינס איך האָב געוואַרט ביז נאַכט איך האָב מיין וואָרט געהאַלטען ע״כ וויל איך מעהר ניט וואַרטען אין האָט געשריבען תנאים מיט ר׳ לייבישען :

נאָך די תנאים איז ר׳ לייביש געגאַנגען אויף דער אַכסניאָ אין האָט געטראָפען דעם שליח אויף הייבען פין שלאָף אין האָט געוואָלט געהן צים רב האָט איהם ר׳ לייביש געזאָגט איך קום הערשט פין רב ער האָט זיך שוין געלעגט שלאָפען . דער מענש האָט געוואַרט ביז אין דער פריה אין דער פריה איז ער געגאַנגען צים רב אין איהם געוויזען דעם בריעף מיט דעם כח הרשאה פין הרב מבראָד . האָט איהם דער רב גיענטפערט עס איז שוין פערפאַלען איך האָב גיזעהן אַז מען זעהט דיך ניט האָב איך נעכטין געשריבען תנאים מיט ר׳ לייביש מטאַרניגראָד דער שליח האָט דער ציילט דער רב אַז ער איז נאָך נעכטען געקומען נאָר דער ר׳ לייביש האָט איהם אָב גענארט אין איהם פערהאַלטען ביז יעצט , האָט דער רב געזאָגט צום שליח איך וועל שיקען רופען ר׳ לייבישען אויב ער וועט וועלען מיר מוחל זיין אוף דעם התקשרות וועל איך מאַכען איין התקשרות מיט (ר׳ זלמן מרגליות דער רב האָט געשיקט נאָך ר׳ לייבישען ר׳ לייביש האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט״ מוחל זיין אין דער שידוך איז געבליבין בתקפו .

נאָך די תנאים ווי די תלמודים פון הגאון מלייפניק האָבין גוהערט אַז זייער רבי האָט געשריבין תנאים אין האָט ניט גיזעהן דעם חתן איז זיי די זאַך געוועזען אווינדער האָבין זיי אויס געקליבען צווי בחורים אין זיי געשיקט קיין טאַרניגראָד זיי זאָלען זעהן דעם חתן אין מיט איהם ריידען אין לערנען זעהן צי ער קען לערנען , ווי זיי זענין געקומען קיין טאַרניגראָד אין גיזעהן אַז דער חתן לאָמט אויף אַפּיס איז עס זיי ניט געפלין אז זייער רבי זאָל נעמען אַחתן אַלאָמען זיי זענען אַהיים געפאָהרען אין דערציילט אַז דער חתן איז אַלאָמער דער רב מיט דער כלה זענען פין דעם געוואָהר געוואָרען דער רב איז שטאַרק אין כעס געוואָרען אויף זיין זוהן ר׳ יהושע העשיל פאַר וואָס ער האָט איהם פין דעם פעלער ניט מודיע געווען מען זאָגט ווען זיין זוהן איז אַהיים געקומען האָט ער איהם געגעבען אַפּאַטש . אין די כלה האָט געזאָגט אַז בשום אופן וויל זי ניט דעם חתן . האָט איהר דער פאָטער געזאָגט איך וועל אָהנגרייטען כל צרכי החתונה אין אויב דער חתן וועט דיר ניט גיפעלען וועל איך איהם געבען מיין שטיב טאָכטער פאַר אַווייב:

מען האט אהנגעגרייט כל צרכי החתונה דער חתן מיט די מחותנים זענען געקומען קיין לייפניק אויף דער חתונה ווי דער חתן האט גיהערט אז די כלה וויל איהם ניט האט ער געזאגט אז ער וויל ריידען מיט דער כלה עטליכע ווערטער אין אבעזינדער חדר זיי זענען אריין געגאנגען אין אבעזינדער חדר אריין ווי ער האט מיט איהר גירעדט עטליכע ווערטער איז זי באלד מרוצה געווארען און וואס ער האט מיט איהר גירעדט ווייסט קיינער ניט און האבען חתונה געהאט:

## אווינדערליכע מעשה פון רבין ר' חיים מצאנז זצ"ל.

עס איז געפאהרען אויף דער באהן אאונגארישער יוד קורץ געקליידעט בעזאמען מיט נאך מענשען און האבען בעזאמען געשמיסט צווישען דעם שמיס האט דער אונגארישער יוד גיפרעגט די מענשען אויף דעם רבין מצאנז האבין זיי איהם גיענטפערט אז ער איז שון נפטר געווארען פערצין יאהר. ווי דער מענש האט דאס דערהערט האט ער אהנגעהויבען שטארק צו וויינען. האבען איהם די מענשען גיפרעגט פאר וואס ער וויינט אזוי האט ער זיי דערציילט איך בין פון אמשפחה נכבדה פון אבעראונגארין און איידער איך בין געשטאנען צום פריזיוו בין איך אחתן געווארען מיט אגרויסען עושר'ס אטאכאכטער פון אשעהנע משפחה דער מחותן האט ניט געוויסט צי איך דארף שטעהן צים פריזיוו ווען ער זאל וויסען וואלט ער זיך ניט משדך געוועזען מיט מיר. נאך דער חתונה האט מען מיר גיבראכט אפאפיער אז איך זאל זיך צו שטעלען צום פריזיוו און דאס פאפיער איז אהנגעקומען גלייך צו מיר און דער האנד אריין עס האט קיינער פון שטוב פון דעם ניט געוויסט איך האב ניט געוויסט וואס פאר אעצה איך זאל מיר געבען איך האב ניט געוואלט אז מיין שוועהר און מיין ווייב זאלען פון דעם געוואהר ווערען האב איך עס דערציילט מיינס אפרייגד האט ער מיר אעצה געגעבין איך זאל פאהרען קיין צאנז צים רבין ער קען מיר העלפען:

איך האב געזאגט אז איך פאהר אביסעל אהיים און איך בין גלייך געפאהרען קיין צאנז און האב איהם דערציילט די גאנצע מעשה. האט מיר דער רבי געזאגט אז ניט ווייט פון צאנז איז פאר האנען אקליין שטעטיל לובלויא דארט שטעהט מיליטער דארט קענסטו שטעהן אויף אקאמיסיע און וועסט בעפרייט ווערען. האב איך. איהם געזאגט רבי איך בין דאך אגעזינדטער

מענש

מענש ווי אַזוי וועט מען מיך בעפרייען. האָט דער רבי מיר געזאָגט ביינאַכט איידער די וועסט אַריין גיין אין די קאַססערין וועט דיר וועה טוהן דיין פיס אין די וועסט דיך קראַצען וועט דיר דער פיס געשוואָלען ווערען און מען וועט דיך בעפרייען. האָב איך איהם געזאָגט איך וויל ניט האָבען קיין געשוואָלינעם פיס. האָט דער רבי מיר גיענטפערט אזוי ווי די וועסט בעפרייט ווערען זאָלסטו דיר צו לייגען אַביסיל קאַלט וואַסער צו דעם פיס וועט דיר דאָס געשווילעכץ אָבגעהן:

**איך** האָב אַזוי געטוהן און בין אַריין געגאַנגען און די קאַססערען און די אַלע מילוטער לייט וואָס איך האָב זייא גיפרעגט האָבען זיי מיר געזאָגט אַז דאָ שטעהט גאָהר ניט דער ריגעמענט וואָס איך גיהער צו איהם. נאָר וויל איך האָב געהאַט גרויס אמונה אין דעם רבין האָב איך ניט געקוקט וואָס די מיליטער לייט האָבין געזאָגט און בין אַריין געגאַנגען צים הויפטמאַן און איהם דער ציילט איך בין און מוטען וועג און איך דאַרף שטעהן צום פריזיוו ע"כ וויל איך דאָ שטעהן. האָט מיר דער הויפטמאַן גיענטפערט חאָטש דער ריגאָמענט וואָס איך גוהער צו איהם געפינט זיך ניט דאָ נאָר דאָך וועל איך דיר אַטובה טוהן און וועל דיך דאָ אהן נעמען. און ער האָט מיך אַריין גע פיהרט און דיר שטיב אַריין ווי אַלע רעקרוטען זענען דאָרט געוועזען:

**ביינאַכט** האָט מיר דער פיס אָהנגעהויבען וועה צו טוהן און איך האָב זיך שטאַרק גיקראַצט איך האָב זיך אויף געהויבען און דער פריה איז דער פיס געוועזען געשוואָלען. ווי איך בין אַריין געקומען צו דער קאָמיסיע האָט מיר דער דאָקטער געזאָגט די זאָלסט וויסען אז די ביסט און אַסכנה זאָלסט תיכף פאָהרען קיין ווין צו אגרויסין דאָקטער און ער האָט מיך בעפרייט איך בין אַהיים געפאָהרען אויף דער באַהן האָב איך צו געלייגט צום פיס אַטיכל קאַלט וואַסער און דער פיס האָט זיך מיר תיכף אויסגעהיילט יעצט זאָל איך שוין ניט זיין קיין ווינדער וואָס איך האָב אַזוי געוויינט ווען איהר האָט מיר געזאָגט אַז דער רבי איז שוין נפטר געוואָרען זי"ע ועכי"א:

## נאָך אַווינדערליכע מעשה מהצדיק מצאַנז זצלה"ה.

**דער** רבי ר' אלעזר פון דזיקוב האָט געשריבען אַבריף צים רבין מצאַנז אז איינער פון זיינע מתנגדים איז געפאָהרען צים שטאָט-האַלטער איהם מסרין און האָט איהם גיבעטען אַז ער זאָל מתפלל זיין דאָס דער

מסור

מסור זאָל איהם ניט קענען טוהן קיין שלעכטץ. האָט איהם דער רבי מצאַנז צוריק געשריבען אַז ער זאָל גאָהר ניט מורא האָבען דער מסור וועט איהם ניט קענען טוהן קיין שום שלעכטץ ובפרט עס דאַכט זיך מיר אַז דער מסור איז שוין געשטאָרבען. די זאַך איז געוועזען דעם רבין ר׳ אלעזר אַגרויס ווינדער ער האָט געוויסט אַז ער איז אַוועק געפאָהרען פין דזיקוב געזינד. אין באמת איז טאַקי אַזוי געוועזען אַזוי ווי דער צאַנזער רבי האָט איהם געשריבען אין דעם זעלבען טאָג ווען דער רבי מצאנז האָט געשריבען דעם בריעף צום רבין פין דזיקוב איז דעם מענש געוועזען ביי דעם שטאָט-האַלטער אין איז געזעסען אין הויז אין געוואַרט ביז מען וועט איהם אַריין לאָזען צים שטאָט־האלטער איז פלוצלונג געשטאָרבען השם ישמרנו:

## אַוינדערליכע מעשׂה פון רבּין ר׳ חַיים מצאַנז זצ״ל.

ווען דער רבי ר׳ חיים איז געוואָרען רב בצאַנז איז געוועזען אין שטאָדט פיעל מתנגדים פורים האָט איהם אַמענש געשיקט שלוח מנות אין אמלמד איז געגאַנגען אין גאַס אין האָט געזעהן ווי איונגעל טראָגט דעם רבין משלוח מנות. האָט דער מלמד גיפרעגט דעם יונגעל וועמען טראָגסטו משלוח מנות דעם לאָמעם רב? (דער רבי איז געוועזען לאָם אויף אפיס אזוי ווי אויבען שטעהט דאָס יונגעל האָט דאָס דערציילט דעם רבין האָט דעם רבין שטארק פערדראָסען אין דער מלמד האָט ניט אויסגילעבט דאָס יאָהר אין אזוי איז געוועזען פיעל גבירים וואָס האָבען געהאט מחלוקת אוף דעם רבין זענען געוואָרען ר. ב. אין צוואַנציג יאָהר אַרים איז דעם מלמד׳ס שוואָגער געפאָהרען מיט דעם רבין שפאצירין ווייל ער איז געוועזען אמשמש ביי דעם רבין האָט ער גיפרעגט דעם רבין פאר וואָס מיין שוואָגער האָט איהר מעניש געוועזען מיט מיתה און אין די גבירים מיט עניות. האָט איהם דער רבי גיענטפערט אין נאָך צוואַנציג יאָהר איז ער שוין מיינע פטור? פין דאנען זעהן מיר ווי ווייט מען טאָהר ייט טשעפען מיט אצדיק

## נאך אווינדערליכע מעשה מהצדיק מצאנז וצלה"ה.

זיין זוהן דער רבי ר' ברוך מגארליץ איז אמאהל געקומען צו זיין פאטער דאס ער דארף אשידוך טוהן מיט אמיידיל און דארף האבין אסך געלד ע"כ זאל ער איהם געבען געלד ער זאל קענען אשידוך טוהן און חתונה מאכען האט איהם דער רב מצאנז גיענטפערט אז ער האט יעצט ניט קיין געלד. עס איז פערביי געגאנגען עטליכע טעג זענען געקומען צום רבין עטליכע גבירים און האבען איהם גיגעבען אסך געלד. האט זיך ר' ברוך זייער גיפרייט יעצט וועט ער קענען נעמען ביי זיין פאטער געלד. ווי די גבירים זענען ארויס געגאנגען פון רבין האט דער רבי תיכף געשיקט נאך אארימאן וואס האט געהאט עטליכע טעכטער התונה צו מאכען און איהם אוועק גענעבין דאס געלד. נאך דעם איז ר' ברוך אריין געגאנגען צום פאטער און איהם גיבעטען אז ער זאל איהם געבין דאס געלד וואס ער האט גענימען ביי די גבירים. האט איהם דער רבי גיענטפערט אז ער האט שוין אוועק געגעבען דאס געלד אארימאן. האט ר' ברוך אהנגעהובען צו וויינען און גיזאגט פאר וואס האסטו מיר ניט געגעבין דאס געלד איך דארף דאך אויך התונה מאכען אטאכטער וואס בין איך ערגער פון אפרעמדען? האט איהם דער רבי גיענטפערט די קענסט פאהרין אויף אזעלכע ערטער ווי מען קען דיך וועט מען דיר געבען געלד אבער דער ארימאן אז איך וועל איהם ניט געבען וועט איהם קיינער ניט געבען ע"כ האב איך איהם בעדארפען געבען זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

## אווינדערליכע מעשה פון רבין ר' שמעלקי מניקולשבורג

דער רבי ר' אברהם יהושע העשיל מאפטא איז געפאהרען און וועג און איז געוועזען לעבין מאהלוב און עס איז מיט איהם מיט געפאהרען פיעל מענשען. האט דער רבי געזאגט מיר וועלען אריין פאהרען קיין מאהלוב צו דער צדיקת מרת מרים דער רבין ר' שמעלקיס שוועסער. ווי די מענשען האבין דאס דער הערט זענען זיי אלע געלאפין פאר דעם רבין קיין מאהלוב צו דער צדיקת. עס איז געווארען אין שטיב אגרויסער רעש פון פיעל מענשען. ווי דער רבי איז אהנגעקומען האט מען איהם אוף גענימען מיט גרויס כבוד. נאך דעם האט דער רבי זי געבעטען זי זאל איהם עפיס דער ציילען פון איהר ברודער. האט זי איהם דער ציילט דאס איז דאך ידוע אז

מיין

מיין ברודער דער רבי ר׳ שמעלקי איז ביינאכט ניט געשלאפען נאר איז גיזעסען אין גילערענט . נאר אז עס פערביי געגאנגען עטליכע נעכט אז ער איז שוין געווארען גיט שלעפעריג האט ער זיך מורא געהאט צו לייגען אויף דעם בעט טאמער וועט ער לאנג שלאפען . נאר עס פלעגט ביי איהם אויף דעם טיש שטעהן אגלאז וואסער ער זאל זיך האבין אלע מאהל צו וואשען די הענד . אויף דעם גלעזעל פלעגט ער אהנשפארען דעם שטערען און שלאפען כדי ער זאל ניט שלאפען לאנג :

אמאהל איז ער געזעסען ביינאכט און איז שטארק שלעפעריג געווארען און האט אהנגעשפארט דעם שטערין אין דעם גלעזעל דער וויל איז דאס ליכט פערלאשען געווארען ער האט זיך אויף גיחאפט און האט גיזעהן אז דאס ליכט איז פערלאשען געווארען האט ער זיך שטארק מצער געוועזען וויל ער האט ביי זיך ניט געהאט קיין פייער . און ער איז געזעסין גילערענט אויף זיין גארען אויף דעם גארען איז געוועזען אבאלקאן אויף דער גאס ארויס . פין גרויס עג״ב האט ער פערגעסען אז ער וואהנט אויף איין גארען . און האט גענומען דאס ליכט און איז גלייך ארויס געגאנגען אויף דעם באלקאן אפשר וועט עמיצער אדורך געהן מיט פייער איז צו איהם צו געקומען אמענטש און האט איהם דער לאנגט פייער און ער האט זיך אהנגעצינדען דאס ליכט און האט זיך גיזעצט לערנען . נאך דעם האט ער זיך בעקלעהרט דער באלקאן איז דאך הויך ווי איז מעגליך אז אמענש זאל קענען דער לאנגען פין דער ערד ביז צו מיר מיט פייער ער האט פארשטאנען אז עס איז ניט קיין פראסטע זאך . האט ער אהנגיפרעגט אין הימעל מען זאל איהם מודיע זיין ווער עס האט איהם דער לאנגט פייער . האט מען איהם גיענטפערט אז עס איז געוועזען ארעש און הימעל עס האט גיפעהלט תורת אמת און אויך וויל ער האט זיך שטארק מצער געוועזען האט מען אראב געשיקט אליהו הנביא ער זאל איהם געבען פייער . ווי מיין ברודער דער רבי ר׳ שמעלקי האט דאס דערהערט האט ער אהנגעהויבען שטארק צו וויינען און האט פיעל תעניתים געפאסט פאר וואס ער האט מטריח געוועזען אליהו הנביא :

וויא דער אפטער רבי האט דאס דערהערט האט ער זיך אוף גישטעלט און געוויינט און געזאגט צו די מענשען איהר האט גיהערט דעם גרויסען חטא וואס דער רבי ר׳ שמעלקי האט געטאהן ער האט מטריח געוועזען אליהו׳ן צוליעב תורת אמת דאך האט ער פיעל תעניתים געפאסט . און דער אפטער רבי האט זיך אנידער געווארפען אויף דער ערד און געוויינט און געזאגט אז אויף אזא זאך האט דער רבי ר׳ שמעלקי אזוי פיעל תעניתים געפאסט ווי אזוי דארפען מיר נאך טוהן תשובה די מענשען וואס זענען דארט געוועזען האבין שטארק געוויינט און געטוהן תשובה השי״ת זאל אונז העלפען מיר זאלען קענין

תשובה

תשובה טוהן בלב שלם און מיר זאָלען זוכה זיין צו אגאולה שלימה בקרוב אמן :

# אַוואונדערליכע מעשה מהרב הצדיק ר' מענדילי מקאסוב זצ"ל .

הרב הצדיק ר' מענדילי קאסיבער ז"ל איז געוועזין איין גרויסער אוהב ישראל באמת וועלכער איז בעוויסט אויף דער גאַנצער וועלט. כמעט דאָס חיות איז איהם שיער אויס געגאַנגען פאַר איין יוד אפילו פאַר איין פרוסטין אַפילו נישט פאַר קיין בן תורה און נישט פון זיינע חסודים . ער האָט זעהר ליב געהאַט און שטאַרק מקרב געוועזין יעדען יוד איהם צו טוהן אַטובה מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט . ובפרט צו זיין אַרודף שלום צו ווישען יודען . דאָס ספר וואָס ער האָט מחבר געוועזען אויף תורה האָט ער אויך אַנאָמען געגעבען „אהבת שלום" איין מאָחל און די יונגע יאָהרין זיינע נאָך איידער ער איז מפוֹ סים געוואָרין אויף דער וועלט איז ער געגאַנגען מקבל פנים זיין הרב הצדיק ר' וועלוואַלי ז"ל פון טשאַרני־אוסטרי און רוסלאַנד . און מחמת ער איז געוועזין זעהר אָרים און האָט נישט געהאט אויף הוצאות צו פאָהרין מיט אפיהר איז ער געגאנגען צו פוס פון איין שטאָדט אין דער אנדערער, פון איין דאָרף צום צווייטען איין מאהל אויף דעם וועג איז געוואָרין נאכט און ער איז געבליבען נעכטיגען און אַדאָרף ביי איין יוד איין אַרענדאַר און קרעטצמי . ביי נאַכט הערט דער רבי ר' מענדילי ווי דער בעה"ב דער אַרענדאַר קרעכטץ שטאַריק און זיפצט . פרעגט איהם הרב הצדיק וואָס ער קרעכצט אַזוי . ענפערט איהם דער אַרענדאַר וואָס זאָל איך נישט קרעכצין . איך בין געוועזען איוד אַנגיד חוץ דער קרעטצמי האָב איך אַביסל צו געהאַנדילט די לעצטע צייט האָב איך אין מסחר פיהל אָהנגעווירין און פעראָרומט געוואָרין . איך בין בעפאַלען מיט קליינע קינדער און האָב זיי ניש מפרנס צו זיין . און יעצט בין איך שילדיג דעם פריץ די ראַטעס זעכציג רענדליך . אויב איך וועל די ראַטעס נישט בעצאָלען מיז איך אַרויס פון קרעטצמי . ווי קען איך מיך אַהין טוהן מיט מיינע קליינע קינדער אַז איך האָב דאָ נישט קיין קרוב נישט קיין פריינד וואָס איך זאָל מיך ווענדען נאָך הילף . יעצט פאַרשטייט איהר שוין מיין קרעכצין . ענטפערט איהם הרב הצדיק הערט אויף צו זיפצען אין דער גאָט וואָס העלפט אלע יודין ווי עס שטייט אין פסוק הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל . דער זאָל אייך בקרוב העלפין פון אייער נוט און נאָך אזעלכע טרייסט

טרייסט ווערטער, אבער דער ארענדאר פאר גרויס צער אין עגמת נפש האט ער נאך מעהר גיקרעכצט. ווי עס איז נאר טאג גיווארין איז הרב הצדיק צי געגאנגען מיט איין ציבראכין הארץ (מחמת ער קען דעם יוד גאהר נישט העלפין יעצט) צים ארענדאר אין איהם אזוי פיהל גיטרייסט מיט גיטע ווערטער ביז עהר האט אין אידם אריין גיברענגט אמונה. אז דער ארענדאר האט גיגלייבט באמונה שלמה אז השי״ת וועט איהם בקרוב העלפין. אין הרב האט זיך גיזעגינד אין איז אוועק גיגאנגען צי פיס ווייטער קיין טשארני־אוסטרי. אין מיטען וועג הערט הרב הצדיק ווי עס פאהרט איין קאטש מיט פערד זעהר גיך. האט הרב הצדיק גיזעהן ווי אין דער קאטש זיצט איוד איין עושר פלוצלינג האט זיך די קאטש גישטעלט אין פרעגט להרב הצדיק ווי גייט איהר זאגט איהם הרב הצדיק איך גיי קיין טשארני־אוסטרי צי דעם צדיק ר׳ וועלוואלי בעט דער עושר להרב הצדיק ר׳ מענדילי ער זאל אויף זיצען אויף זיין קאטש מחמת ער פאהרט אויך להרב הצ׳ קיין טשארני אוסטרי. האט הרב הצדיק נישט געוואלט מיט פאהרען. אבער דער עושר האט איהם זעהר גיבעטין. האט הצדיק ר׳ מענדילי גיזאגט אז איהר וועט מיר געבען זעכציג רענדליך איין נדבה פאר איין יוד וואס איז אזוי רייך גיוועזין ווי איהר אין איז אויך גיפאהרען מיט אייגינע פערד. אין יעצט איז ער אזוי פאר ארימט אז ער האט נישט צו צאהלין די ראטע פין ארענדע מיט אייער נדבה וועט איהר דעם יוד העלפין דען וועל איך וויסען אז איהר זענט איין אוהב ישראל וועל איך מיט אייך מיט פאהרען צו הרב הצדיק קיין טשארני־אוסטרי. אין הרב הצדיק וועט מסכים זיין צי מיין ברכה וואס איך וועל אייך בענטשין האט דער עושר נישט גיוואלט הערין אין האט גיהייסען דעם שמייסער פאהרין ווייטער. ווי ער איז אבגיפארין אשטיקיל וועג האט ער זיך מיישב גיוועזען אין געהייסען דעם שמייסער בלייבען שטיין אין האט גיווארט ביז הרב הצדיק איז אינטער געקומען, זאגט דער עושר צי הרב הצדיק איך וועל אייך געבען די העלפט ווי פיהל איהר פערלאנגט. זאגט צי איהם הרב הצדיק אפילו קיין איין פרוטה וויל איך נישט וועניגער נעמען. אין איהר מיזט מיך מיט אייערע פערד צי פיהרין צי דעם ארענדאר אין איהם אוועק געבען די זעכציג רענדליך ער זאל צאהלען די ראטע דעם פריץ. כדי עהר זאל קאנען מפרנס זיין דאס בני בית זיינס. ווי דער עושר האט גיזעהן דאס מסורת נפש פין הרב הצדיק פאר איין יוד. האט עהר אוועק גיגעבען להרב הצדיק די 60 רענדליך אין איז צו זאמען מיט דעם רבין גיפאהרין אין אוועק גיגעבין דעם ארענדאר דאס געלד. אין פין דורט גלייך בעזאמען גיפאהרין קיין טשארני־אוסטרי ווי זיי זענען ביידע אריין גיקומען צי הרב הצדיק ר׳ וועלוואלי איז זיי הרב הצדיק אקעגין גיגאנגין אין ארים גיחאפט

גיהאַפּט את הרב הצדיק הר׳ מענדילי אין גיזאָגט פין אייך שיינט אראָב די מצוה וואָס איהר האָט גיהולפען איין גיפאַלינ׳ם מענשין. אין מקיים גיוועזין ואהבת לרעך כמוך. אין די מצוה דין וחזקת בו. אין דעם עושר האָט ה״צ ר׳ וועלוואַלי צי גיווינטשין עס זאָל איהם מקיים ווערין אַללֶע ברכות וואָס הרב הצדיק ה״ר מענדלי האָט איהם גיווינשען עושרות עם כל טוב כל ימי חיוו אין נאָך שבת זאָגט הרב ר׳ וועלוואַלי צי הרב ר׳ מענדלי פאָהרט גיזינטע היינט אַ היים אין איך בין אייך מסמך אַז איהר זאָלט ווערין אין קאַסוב רבי. דען אזוי איין אוהב ישראל ווי איהר קענט פיעל יודין העלפין. וכן הי׳ פין דער צייט אָהן איז הרב הצדיק ה״ר מענדלי מקאַסוב גיוואָרין אַגרוסער מפורסים אויף דער וועלט. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

מען דערציילט אויך אַז עס האָט אויך גיטראָפין איין פריץ פין אַדאָרף לעבען קאַסוב האָט גיגעבען איין יוד (וועלכער איז גיוועזען איין חשוב ביי דעם פריץ אין גיצוגין זיין גאַנצע פרנסה פין פריץ ווי עס פלעגט אויף טרעפין ביי פאַרצייטיגע פרוצים) סך פיער הינדערט (400) רייניש ער זאָל פאַר איהם קויפען אָקסין. איז דער יוד גיפאָרין אוף דעם ירוד וואָס איז גיוועזין אין קאַלסוב, אין אויף דעם ירוד האָט מען דעם יוד אַרויס גיגנבט דאָס געלד. דער יוד אָהנגעהויבען שטאַרק וויינען זיך האַקען אין קאָפּ אין ריידען וואָס טיט מען דער פריץ וועט מיר נישט גלייבען ער קאָן מיך חלילה שיסען. דער יוד איז אומגילאָפין אין נאָך גיפרעגט אפשר האָט עמיטץ גיזעהן ווער עס האָט איהם גיגנבט דאָס געלד ביז ער איז גקומען צים הויף פין הויז פין הרב הצדיק מקאַסוב. האָט ער זיך דאָרט אַנידער גיזעצט אָפריען אין האָט זעהר גיוויינט פינקט דאַמאָלס איז הרב הצדיק גיגאַנגין דאַווינען זעהט ער ווי עס זיצט איין יוד אין וויינט פרעגט איהם ה״ר ה״צ וואָס וויינסטו דערציילט איהם דער יוד זיין גרויס אימגליג אַז ער קאָן נישט אַהיים פאָהרין צום פריץ ער שפילט מיט זיין לעבען. האָט הרב ה״צ גיזאָגט צי זיין משמש איך גיי נישט דאַווינען ביז מען מיז שאַפין דעם יוד דאָס געלד וכן הי׳ הרה״צ האָט גישאַפט דאָס געלד אין גיגעבען דעם יוד. דאַן איז ער געגאַנגען דאַווינען מיט גרויס התלהבות ווי זיין שטייגער איז גיוועזין זכותו יגן וצל כל ישראל אמן:

# אַוויינדערליכע מַעֲשֶׂה פון בַעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זצ״ל.

דער בעל שם איז אַמאָהל געקומען מיט זיין תלמוד ר׳ זאב וואָלף קיצעס אין אַדאָרף אַריין צו איין אַרענדאַר. האָט דער בעל שם זיך געהייסען געבען אַכצעהן רו״כ. דער יוד איז געוועזען אַאָרימאַן און האָט ניט געהאַט קיין אַכצעהן רו״כ נאָר וויל דער בעל שם האָט זיך געאיילט און געצווינגען דעם יוד ער זאָל איהם געבען דאָס געלד איז אַרויס געלאָפען אויף דעם דאָרף און האָט פערקויפט די קוה און נאָך כלי בית און האָט געגעבען דעם בעל שם די אַכצעהן רו״כ:

דער בעל שם האָט גענימען דאָס געלד און איז זיך אַהיים געפאָהרען און האָט גאָר ניט גערעדט וועגען דעם ענין. און אַצייט אַרים האָט דער פריץ געשיקט נאָך דעם אַרענדאַר אַז ער זאָל איהם בעצאָהלען די ראַטע דער אַרענדאַר האָט ניט געהאַט צו בעצאָה״ען האָט דער פריץ איהם אַרוס געוואָרפען פון דער אַרענדע:

דער אַרענדאר האָט גיזעהן אַז ער קען שוין ניט וואָהנען אין דעם דאָרף האָט ער זיך געצויגען אין אַאנדער דאָרף אַריין. און האָט פער קויפט דאָס רעשט כלי בית וואָס עס איז איהם געבליבען און האָט זיך געקויפט אַקוה און האָט זיך געדינגען אַקליינע דירה און האָט עטליכע וואָכין געלעבט מיט גרויס דחקות. פלוצלוג איז קאַליע געוואָרען די מילך פון פריץ׳ס בהמות זענען די קנעכט פון פריץ אַרויס געגאַנגען אוף דעם דאָרף זוכען מילך פיר דעם פריץ׳ס וועגען. האָבען זיי אַריין גוטראָפען צו דעם יוד און האָבין ביי איהם געקויפט מילך פון פריץ׳ס וועגען:

אַזוי ווי זיי האָבין געגעבען דער פריץ די מילך צו טרונקען איז איהם די מילך שטאַרק גיפעלין און האָט זיי גיפרעגט ווי זיי האָבין גענימען די מילך. האָבין זיי איהם דערציילט אַז הערשט ניט לאַנג האָט זיך דאָ בעזעצט אַיוד ביי איהם האָבין זיי געקויפט די מילך. האָט דער פריץ געשיקט רופען דעם יוד און האָט איהם גיפרעגט די ס בה וואָס ער וואהנט דאָ אין דעם דאָרף דער יוד האָט איהם דערציילט דאָס ער האָט ניט געהאַט צו בעצאָהלען די ראַטע האָט איהם פריץ אַרויס געוואָרפען פון דער אַרענדע האָט ער זיך געמוזט אויס ציהן פון יענעם דאָרף און זיך דאָ בעזעצען. האָט דער פריץ געהייסען דעם יוד אַז ער זאָל איהם יעדען טאָג ברענגען מילך און האָט איהם געגעבען אַגוטע פרייז פאַר דער מילך אַז דער יוד האָט זיך שוין געקענט מפרנס זיין דער פריץ האָט אַלע מאָהל מעהר אַהנאה געהאַט פון דער מילך וואָס פאַר אַמאכל מיין האָט איהם גיקאָכט מיט דער מילך האָט ער דערפון שטאַרק אַהנאה געהאַט. דער יוד איז ביי דעם פריץ געוואָרין אַגרויסער חשוב. און

דער

דער פריץ האָט ניט געהאַט קיין קינדער . און ווייל ער האָט איהם שטאַרק ליעב געהאַט האָט ער איהם געשענקט דאָס דאָרף מיט דער שטאָדט לעבען דעם דאָרף :

דער פריץ האָט געהאַט אַסך שטעדט אין אויסלאַנד און אויף דער עלטער איז ער זיך אַוועק געפאָהרען קיין אויסלאַנד און האָט זיך גיזעגענט מיט דעם יוד און איהם איבער געגעבין די שטאָדט מיט דעם דאָרף . און דער זעלבער צייט האָט דער בעל שם אַרויס געשיקט זיין תלמיד ר׳ זאב וואָלף קיצעס אויף דער וועלט צו זאַמען נעמען אַגרויסע סומע געלד אויף פדיון שבוים . דער ר׳ וואָלף איז אַרום געפאָרען עטליכע וואָכין אויף דער וועלט און צו זאמען געמאַכט אַסך געלד און עס האָט איהם נאָך גיפעלט דריי הונדערט רו״כ איז ער געקומען און אַשטאָדט אַריין און איז איינגעשטאַנען ביי דעם רב . דער רב האָט זיך אָהנגעטוהן בגדי יו״ט און איז געגאַנגען מיט די בעלי הבתים פון שטאָדט מקבל פנים זיין דעם נייעם פריץ . האָט דער רב געזאָגט צו ר׳ וואָלפ׳ען אויב איהר ווילט קומט מיט מיר צו דעם נייעם פריץ ער איז אַיוד און ער איז היינט דאָ און שטאָדט אפשר וועט ער געבען אנדבה הגונה ר׳ וואָלף איז געגאַנגען מיט דעם רב צום נייעם פריץ . דער פריץ האָט זיי פיין אויף גענומען און האָט ר׳ וואָלפ׳ען זייער מקרב געוועזין און האָט אַביסעל געשמועסט מיט דעם רב און מיט די בעלי הבתים נאָך דעם האָט ער אַריין גערופען ר׳ וואָלפ׳ען און אַבעזונדער חדר אַריין און האָט איהם געזאָגט ווער ער איז און האָט איהם דערציילט ווי אַזוי עס איז מיט איהם פאָרגעקומען צייט דער בעל שם איז ביי איהם געוועזען און האָט איהם געגעבין די דריי הונדערט רו״כ .

ווי ר׳ וואָלף איז צוריק געקומען צום בעל שם און האָט איהם דערציילט די גאַנצע מעשה האָט איהם דער בעל שם געזאָגט איך האָב געזעהן אויף דעם יוד אַגרויס הצלחה און איך האָב געזעהן אַז און דעם דאָרף איז ניט דאָ קיין שום מבוא אַז עס זאָל אויף איהם חל זיין די הצלחה איבער דעם האָב איך דיר געהייסען געבען אַכצען רו״כ און דאָס איז געוועזען אַטובה ער זאָל אָרים ווערען און זאָל זיך מוזען אויס ציהן פון דעם דאָרף און זיך בעזעצין אין אַצווייט דאָרף און דאָרט וועט אויף איהם חל זיין די הצלחה זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן :